...יך זומפּין-קאַלטען שוים,
...ון ביטער דאָ געטראָפען
...ון אומגליקליך אַנטלאָפען.
...ער זענען זיי געווען? —
...ייכע האָלענדער?
...י דייטשען?
...טעהט די טאָרף-פאַבריק
אין ווידטער הפקר
...אָהרען-לאַנג געשלאָסען, פּוסט
און הפקר,
...י דאָס קוואַקען פון די פרעש.
...ער זומפּ —, ער יורט;
...ין הימעל —
...ימעל,
...און הינד — זיי ציעלען,
...אַכט-ביי-נאַכט - פערגעהען זיך
...ויט שאַרפען פּיסק אַקעגען זומפּיגען
לבנה-גלאַנץ —

...און בילען, בילען,
...י אויף אַ דולען
...עגען יעדען ווייטסטען שאָרך,
...עגען יעדען מינדסטען האָרך,
...אויפ'ן עקסטען אונבעלעבטען גלאַנץ.
...לייך ס'גנב'עט זיך דאָרט איינער
...אַנ'אונבעוואוסטער איינער,
...אַ נאַכטיגער אין קוסען,
...אַ שרעקליכער אַזאַ!
...אַ שומר אַ געניטער,
...אַ בקי אין געוויטער,
...אַנ'אַכזר און אַ היטער.
...אַ שרעקליכער אַזאַ!
...געהנט ער אַליין, געגעהנט ער,
...נאַכט-ביי-נאַכט אַליין געהנטער,
...וואַרט ער אויס דאָ,
...קוקט ער אויס דאָ,
...מיט'ן אַלטען ווילען שטומען
...גרייט ער זיך זיין קומען.

...ווייטען ... די ... און ...
קוואַקערס שרייען און פערשווערען,
און אַנ'אייג דאָרט איינס, אַ וואַכס,
קוקט אַהין פון אייביג-וואַך,
תמיד ניכטער, תמיד אָפען —
קוקט עס אויס דאָ,
רעכענט אויס דאָ,
שפּינעלט אָב אין תהום-שוואַרצאַפּעל
אַלץ, וואָס האָט דאָ שוין געטראָפען —
מעשיות, מעשיות זענען דאָ
פערלאָפען!

— אַ פּריץ דאָ, אַנ'אַדיר,
אַ שטיק עקשן, אַ שגעון,
האָט אַהער פערטריבען
גרויסע מחנות קנעכט.
און געגראָבען דאָ, געגישטערט,
אין די טיעפע זורען-זומפּען
לאַנגע טעג און נעכט.
— אַנ'ערד-קענער,
אַ חילד-פרעמדער,
האָט אַמאָל דאָ
שטום געבוירט,
שטום געגראָבען
און געזוכט דאָ
אַזאַ בוימאייל, אַזאַ נעפט.
— געהער יונגע,
געהער אַלטע,
מיט אייגען פרעמדע,
פער'עקשנ'ט-קאַלטע,
געבלאָנקעט האָבען
וואַלען-לאַנג דאָ,
מיט ווידטען אויסזעהן,
מיט ברודיג חעש.

— — — — — —
— — — — — —

אַלעס, אַלעס האָט פערשרינגען
ס'אַלטע קוואַקען פון די פרעש.

both voice of fate & seeker of justice, the justifier

הלל צייטלין.

דער לעבענס-וועג פון ש. אַנ—סקי.

I.

דער משולח.

איך האָב לאַנג געזוכט אַ וואָרט, וואָס זאָל בעצייכענען אַז די זעהר רייכע, פּיעלפאַרבּיגע, פּיעלזייטיגע און פערשיעדענאַרטיגע טעטיגקייט פון ש. אַנ—סקי, אַז זיינע זעהר פּיעל גרויסע און טיעפע איבערלעבונגען, אַז זיינע פּיעל שאַפונגען אויף אַלע געביטען פונ'ם רוסישען און יודישען לעבען; אַ וואָרט, וואָס זאָל בעצייכענען דעם גאַנצען אַנ—סקי אָהן איבערבלייבענישען; אַ וואָרט, וואָס זאָל ווי אין אַ פּאַקעט פעראייניגען אַלע קאָנטראַסטען, איבערשפּרייזען איבער אַלע געוועהנליכע מעגליכקייטען, בעוויינענדיג דאָס וואונדערבאַרע; אַ וואָרט, וואָס זאָל גלייך כאַראַקטעריזירען אַז אַנ—סקי'ן דעם אינטערנאַציאָנאַליסט, אַז אַנ—סקי'ן דעם נאַציאָנאַליסט, אַז אַנ—סקי'ן דעם סאָציאַליסט, אַז אַנ—סקי'ן דעם ציוניסט, אַז אַנ—סקי'ן דעם אפּיקורס אין דער יוגענד, אַז אַנ—סקי'ן דעם גענייגטען צו חסידות אויף דער עלטער, אַז דעם האַרטען, מוטיגען קעמפּפער, אַז די ווייכע, צאַרטע נאַטור, אַז דעם לייב, אַז דאָס קינד, אַז די רעאַלע, שוועהרע און ביטערע ווירקליכקייט, אַז די הויכע פאַנטאַזיע. איך האָב לאַנג געזוכט צו פערצייכענען דעם גאַנצען לעבענס-וועג פון אַנ—סקי מיט איין אויסדרוק, ביז איך האָב איהם געפונען ביי אַנ—סקי'ן זעלבסט אין דער יעצט זעהר פּאָפּולער-געוואָרענער דראַמע „דער דבוק". ווער איז וואָס איז אַנ—סקי געווען? ער איז ניט געווען, ווי איינער, וואָס האַלט זיך פאַר זיין נאָהנטען פריינד, האָט זיך אויסגעדריקט, „אַ שטיק דבוק", נאָר איין און איינציגע פיגור אין'ם „דבוק". ער איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי... דער „משולח".

וואָס איז דער אמת'ער מהות פונ'ם „משולח"? זיין העכערער, איבערערדישער מהות איז אַ פעראייניגונג פון יענעם „עמיצען און גרויען" און אַנדרייעוו'ס „זשיזן טשעלאָוועקאַ" מיט דעם יודישען למד-וו'ניק. ער איז אַז דער פאַטום, אַז דער שליח פון דער השגחה עליונה, אַז דער פערטרויטער און די געהיימנישען פון די עולמות העליונים, אַז דער מאַהנער פון גערעכטיגקייט. ער איז דער העכסטער מוז, דער אָנזאָגער פונ'ם גזר-דין, דערביי אָבער אויך דער שטרענגער רעכטער, וואָס מאָטיווירט שטענדיג פאַרוואָס מוז דער גזר-דין זיין אַזוי און ניט אַנדערש. ווי אַ למד-וו'ניק איז ער שטענדיג אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט, שטענדיג אין דער רעכטער צייט און אין דעם רעכטען אָרט, ווען און וואו ער דאַרף ערפילען זיינע העכערע שליחות. ער איז שטענדיג בעהאַלטען, פערבאָרגען. מען ווייסט קיינמאָל ניט פון וואַנען ער ערשיינט פּלוצלונג. ער האָט קיינמאָל נישט קיין אייגענעם „איך". ער איז שטענדיג נור אַ כלי פאַר דער העכערער מאַכט. ער איז אַנ'אָרגאַן — פאַר גאָט'ס וואָרט.

Andreev's The Life of a Man

דאָס איז אָבער נור דאָס העכערע מיסטישע וועזען פונ'ם „משולח". ער האָט אָבער דערביי אויך אַ ריין-ערדישע פיזיאָנאָמיע. ער איז, ביי זיין גאַנצער געמיטליכער

ד חוץ: טאמשן ג'יגאמן מי ? רבן

הויכקייט, אויך מענש און, אלס אזעלכער, וועהמאנט ער זעהר שטארק מיט אלע די, גאס ליידען און מוזען ליידען לויט די העכערע הימלישע געזעצען. ער ליידעט צוזאמען מיט חנג'ען, פראטעסטירט געגען דעם, וואס דער רייכער סנדר ברזינצער וויל זיך משדך זיין דוקא מיט א צווייטען גביר און וויל זיך ניט משדך זיין מיט דעם אמת'ן פעשערטען פון זיין טאכטער, פרובט זאגען סנדר'ן מוסר וועגען דעם און זעהר א שענער, רעליגיא-זער פארם, ברענגענדיג א מעשה'לע פון זיין, סנדר'ס, רבי'ן. סנדר בעמערקט: „איהר ווילט מיר א שמאד טהון", און ער ענטפערט: „חס ושלום". ער וויל זיין וועהמאנ און קען שמערצען ניט אנטהון. חאטש ער איז דורכאויס דין, איז ער, אין דערזעלבער צייט, אלס מענש, פול מיט רחמנות.

אנ—סקי איז געווען כל ימיו די ריין-מענשליכע געשטאלט פונ'ם „משולח", חאטש אט דאס ריין-מענשליכע און בין-ערדישע האט זיינע ווייטע, העכערע מיסטישע שרשים אין דער אייביגקייט...

אנ—סקי איז געווען דער פולסטער אויסדרוק פון זיין צייט, ריכטי-גער, פון די פערשידענסטע עפאכען פון זיין צייט. ער איז געווען אי דער פאלקאמער תלמיד פון פיסארעוו'ן, אי, שפעטער, דער פאלקאמער תלמיד פון גליעב אוספענסקי, נאך שפעטער—פון לאווראוו'ן, נאך שפעטער—דער אויסדרוק פון דער יודישער נאציאנאלער בענקשאפט, נאך שפעטער — דער זאמלער פון יודישע פאלקס-אוצרות, נאך שפעטער—איינער פון די, וואס ווילען געהן אין דעם דרך-עולם...

אנ—סקי איז קיינמאל ניט געווען איינזאם. ער איז שטענדיג נעגאנגען מיט א רבים און איז שטענדיג געווען דער אויסדרוק פון אט דעם רבים, דערביי האט זיך אבער זיין פיגור אויסגעטיילט און אויסגעצייכענט פון די צעהנטויזענדער, וועלכע ער האט רעפרע-זענטירט, דערמיט, וואס ער איז שטענדיג געווען דער עכטער, דער קאנסעקווענטסטער און דער פאלקאמסטער פון זיי אלע.

פיעל, זעהר פיעל זענען אין דער יוגענד-צייט פון ש. אנ—סקי געווען אנגעשטעקט מיט פיסארעוו'ס און דאבראליובאוו'ס אידעען. פיעל, זעהר פיעל אינטעליגענטען און האלב-אינטעליגענטען האבען ראן נעהאלטען אין איין טענה'ן, אז די העכסטע זאך אין דער וועלט איז די פיזישע, פראדוקטיווע ארבייט. דאך האבען זיי געשטרעבט נור צו ווערען דאקטוירים, אינזשענערען, אדוואקאטען אדער רייכע סוחרים. אנ—סקי האט אבער פון אזעלכע האלבקייטען, פשרות און אומעכטקייטען נישט געוואוסט. ביי איהם איז קיינמאל ניט געווען, ווי ביי די מייסטען פון דער אינטעליגענץ, טעאריע — איינס, און פראקטיק—עטוואס אנדערש. ביי איהם זענען טעאריע און פראקטיק שטענדיג גע-גאנגען האנד ביי האנד. איבערהויפט האט ער קיינמאל ניט געפאדערט פונ'ם צווייטען דאס, וואס ער האט אליין ניט געטהון. ער האט אויך ניט געקאנט, ווי דאס רוב פון דער אינטעליגענץ, אבנארען זיך זעלבסט מיט פאלשע תירוצים, פשט'לעך און סאפיזמען.

נעהענדיג גלייך זיין וועג, האט ער פיסארעוו—דאבראליובאוו'ס טעאריע פערווירקליכט איינפאך: ער איז נעגאנגען און געווארען אנ'איינבינדער און א שמיד...

שפעטער, ווען ער איז דורכגעדרונגען געווארען מיט די אידעען פון די „נאראדא-וואלצעם", האט ער ווידער ניט בענוגענט זיך, ווי פיעל אנדערע, מיט בלויזער סימפא-טיע אדער, אין בעסטען פאל, מיט שרייבען אמאל א פראקלאמאציע און פערשפרייטען זי, נאר ער איז טאקע באמת „אוועק אין פאלק": געארבייט אין פאבריקען, אין שאכטען, וכדומה, אויפגעקלערט און פערשפרייט ליכט, לויט זיינע פערשטעלונגען אין יענע צייט, צווישען רוסישע פויערים, ארבייטער און „באסיאקעס"...

כחות, מיט אלע חושים. ער האט פאר זיך זעלבסט גארנישט איבערגעלאזט. אלץ פאר דער אידעע, אלץ צוליעב דער אידעע. אין יעדען אויגענבליק האט ער געדיענט דעם סא-ציאליזם לויט דער אויפפאסונג פון די רוסישע ס.-ר.

שפעטער, ווען ער האט דערשפירט אין זיך די גרויסע בענקשאפט נאך אלץ, וואס איז עכט-יודיש, ווען ער האט דערשפירט דעם גרויסען וועה פון זיין איינען יודיש פאלק, ווען ער האט זיך אומגעקעהרט צו זיין פאלק באמת ובתמים, האט ער זיך ווידער ניט בענוגענט, ווי עס בענוגענען זיך פיעל אנדערע, מיט בלויזער סימפאטיע און בלויזי סענטימענטען, עס האט איהם אויך ניט צופריעדענגעשטעלט די בלויזע ליטעראַרישע טעטיגקייט אינ'ם זין פון זאמלען און אויפשטעלען אלץ, וואס יודיש, נור ער איז ווידער „אוועק אין פאלק". אזוי ווי ער איז פריהער אוועק אין רוסישען פאלק, אזוי איז ער יעצט אוועק אין יודישען פאלק. מיט דערזעלבער ענערגיע, מיט דערזעלבען יוגענד-פייער, מיט דערזעלבער מסירות-נפש, ווי ער איז אמאל נעגאנגען פון דארף צו דארף צו אויפקלערען דעם רוסישען פויער, אזוי איז ער יעצט געגאנגען פון שטעדטיל צו שטעדטיל און האט געזאמעלט און געקליבען, וואו אנ'אלטען, זעלטענעם פרוכת, וואו א מענטעלע, וואו א מזוזה, וואו א מגילה, וואו א קמיע, וואו א זעלטען ספר, וואו א זעלטען כתב-יד, וואו א זעלטענע אלטע „עטרה", וואו אנ'אלטען קונסטלערישען „מזרח", וואו א פאלקס-ליעדעל, וואו א פאלקס-מעשה'לע, וואו א פאלקס-ווערטעל, וואו א בעזונדער רעדענס-ארט, וואו א פער-געסען היסטאריש געשעהעניש, אלטע פנקסים, בלעטלעך פון אלטע פנקסים, פאמיליען-כראניקעס, געשיכטען פון שטעדטליך, וכדומה, וכדומה.

אנ—סקי האט זיך אבער אויף דעם ניט אבגעשטעלט. ער איז ניט געבליבען דער בלויזער זאמלער, פאלקס-מענש און פאלקלאריסט. איז ער אוועק אין פאלק, איז ער געווארען מיט'ן פאלק איינס, איז ער דורכגענומען און דורכגעדרונגען געווארען מיט זיין, דעם פאלק'ס, גייסט, האט ער פעראייניגט, צוזאמענגעשמאלצען און צונויפגעגא-סען זיין איינענע נשמה מיט דער נשמה פון פאלק. ער האט שוין ניט געקאנט האבען, ווי פיעל אנדערע אזעלכע זאמלער און פאלקס-מענשען, אנ'אייגענעם „איך" מיט אנ'אייגע-נעם ארט לעבען, נאר זיין איינען „איך" איז איינגעבראכט געווארען אלס קרבן אויף דעם מזבח פונ'ם פ א ל ק'ס „איך", און זיין איינע ארט לעבען איז געווארען דאס ארט לעבען פון פאלק. דאן הויבט ער אונז אן צו דערצעהלען זיינע חסיד'ישע מעשה'לעך מיט דער עכטער תמימות פון א פאלקס-קינד און שטעלט זיך אוועק אויף דער שוועל פון „צוויי וועלטען"...

II.

לוסא.

א קליין פראגמענט פון די „צוויי וועלטען":

„דער משולח: צייט קלויבען זיך אין וועג.

באיב: וואס איילט איהר?

דער משולח: איך בין דאך א משולח. פריצים שיקען דורך מיר איינער צום אנדערן וויכטיגע ידיעות, זעלטענע חפצים. דארף איך זיך איילען. די צייט איז ניט מיינע.

מאיר: דרויסען און שטאָקפֿינסטער.

דער משולח: מיט מיין לאַמטערן וועל איך נישט פֿערבלאָנדזשען" (דער „דיבוק", ערשטער אַקט, ז' 27).

יעדער מענש איז אייגענטליך אַזאַ משולח. יעדער מענש איז אַראָבגעשיקט געוואָרען פֿונ'ם אַלערהעכסטען ווילען צו טהון עפּעס און צו שאַפֿען עטוואָס אויף דער וועלט. יעדער מענש ווערט אַרויסגעשיקט פֿון איין עולם צום צווייטען עולם מיט „ווילטיגע ידיעות און זעלטענע חפצים", נישט מעה"ר, האָט מענשען פֿערגעסען שטענדיג אין זייערע שליחות'ן, פֿערטהוען זיך און פֿערגעהמען זיך אויף דער וועלט מיט אַלערליי נאַרישע שליחות'ן, פֿערטהוען זיך און פֿערגעהמען זיך אויף דער וועלט מיט אַלערליי נאַרישקייטען. עס טרעפֿט זעהר אָפֿט, אַז די מענשען פֿערגעסען אין דעם משך פֿון זייער גאַנצען ערדישען לעבען אָן זייערע העכערע שליחות'ן און זיי קעהרען זיך אום דערנאָכדעם צו דעם, וואָס האָט זיי געשיקט, מיט לעדיגע הענד. אַנ—סקי האָט אָבער אַלע מאָל געפֿיהלט, אַז ער מוז טראָגען און עהרליך ערפֿילען זיינע שליחות'ן.

„דרויסען איז שטאָק פֿינסטער". אַנ—סקי ווייסט אָבער, אַז „מען מוז זיך קלויבען אין וועג אַריין". ער נעהמט דאָס גאַנצע לעבען אין אַ פֿינסטערער נאַכט. בלאָנדזשעט אַרום צווישען פֿיעל און פֿערשיעדענסטע פּויערים, פֿאַבריק-אַרבייטער און „באָסיאַקעס", פּאַרטיי-טהוער און פּאָליטיקער, אַגיטאַטאָרען און רעוואָלוציאָנערען, ביז ער געפֿינט ענדליך זיין אייגען שליחות, יענע שליחות, וואָס ווערט אויסגעדריקט אין'ם אויסגעצייכענטען חסידישען מעשה'לע זיינעם: „תשובה, תפלה וצדקה" און אין דער „תורה" פֿונ'ם רבי ר' עזריאל מיראָפּאָלער (אינ'ם דריטען אַקט פֿונ'ם „דיבוק" ז' 53), אַז „יעדער אָרט, וואו אַ מענש הויבט פֿון איהם אויף דעם בליק צום הימעל, איז קדשי-קדשים; יעדער מענש, וואָס גאָט האָט בעשאַפֿען בצלמו ובדמותו, איז אַ כהן גדול, יעדער טאָג פֿון אַ מענשען'ס לעבען איז יום-כפור און יעדעס וואָרט, וואָס אַ מענש רעדט אויס מיט תמימות, איז אַ שם הויה"...

פֿיעל האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט אַזוי ווי אַנ—סקי און זיי האָבען דעם ריכטיגען וועג נישט געפֿונען. פֿאַרוואָס? ווייל „דרויסען איז געווען שטאָק-פֿינסטער" און זיי האָבען נישט געהאַט קיין לאַמטערן אין האַנד. אַנ—סקי האָט אָבער, ווענען זיך נעקאַנט זאָגען ווי דער „משולח" פֿון זיין דראַמע: „מיט מיין לאַמטערן וועל איך נישט פֿערבלאָנדזשען"...

דער „לאַמטערן" פֿון ש. אַנ—סקי איז געווען זיין טיעף-האַרציגע און שטאַרקע טעטיגע ליעבע צו מענשען, זיין שטאַרק יודיש יושר-געפֿיהל און בעזונדער חוש פֿאַר'ן אמת. האָבענדיג אַזאַ „לאַמטערן" אין האַנד, קאָן מען איבעראַל אַרומבלאָנדזשען, ווענדיג וואָס מעהר גוטס טהון, איבעראַל זוכען דעם אמת און ענדליך געפֿינען דעם עיקר — דעם קדשי-קדשים פֿון דער אייגענער נשמה און פֿון דער פֿאָלקס-נשמה...

אַנ—סקי האָט פֿיעל געבלאָנדזשעט; ער האָט אָבער נישט פֿערבלאָנדזשעט. ער האָט ענדליך דאָס זייניגע געפֿונען...

אין זיין בלאָנדזשען אין פֿערשיעדענע פֿינסטערע ערטער, אין זיין ווילען אַריינטראָגען ליכט דאָרט, אין זיין הייסער, פֿייער ליעבע צו מענשען, אין זיין בעזונדער שטעל און האַלטען-זיך איז ער זעהר עהנליך געווען צו לוקאַ אין מאַקסים גאָרקי'ס „נאַ דניע" (אין אָפּגרונט). לוקאַ קומט אַריין אין דער „נאַצשלעזשקע" פֿון די „באָסיאַקעס", לעבט זיך איין מיט יעדען איינציגען דאָרט, ווערט דאָרט נישט נור אַנ'איינגעסענער מענש, נאָר אויך דער נאָהנטסטער מענש. יעדער געפֿאַלענער מענש פֿון דער

בענעמע. איבערהויפּט געהט עס איהם אין דעם צו אומקעהרען יעדען איינציגען פֿון די געפֿאַלענע זיין גלויבען אין זיך. ער האַלט אונטער אין איינע געפֿאַלענע פֿערזאָנען זאָגאַר אַ געוויכטע איללוזיע, ווען ער דענקט, אַז אַט די איללוזיע וועט זיי דערהויבען, אויסאיידלען און מאַכען צוריק פֿאַר מענשען. לוקאַ איז אומעטום אַ געסט און אַנ'איינגענער; אין דערזעלבער צייט איז ער אָבער אויך דורכאויס אַ פֿרעמדער און אַ זייטיגער. ער פֿאַלט אַריין אין דער „נאַצשלעזשקע", קיינער ווייסט נישט פֿון וואַנען; פֿערשווינדעט אויך גלייך, ווען ער האָט שוין דאָרט גארנישט וואָס צו טהון...

אַנ—סקי איז אויך אַזוי אומעטום געווען אַנ'איינגענער, אַ נאָהנטסטער, אַ ליעבסטער, אַ מענש, וואָס ברענגט מיט-זיך שטענדיג פֿרייד, טרייסט און ליעבע. אין דערזעלבער צייט איז ער אָבער שטענדיג געווען אַ זייטיגער. ער האָט געהאַט זיין אמת, װעלכען ער האָט פֿריהער צוגעטראָגען די ישיבה-בחורים אין זיין שטעדטיל ליאָזשנע, שפּעטער — אין פֿערשיעדענסטע משכילים-קרייזלעך, דאַן, שפּעטער — צווישען אַרבייטער, נאָך שפּעטער — צווישען פּויערים, ווייטער — אין די שאַכטען פֿון יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניע, נאָך ווייטער — אין די פֿאַבריקען פֿון פּאַריז, וכדומה, ביז ער איז ענדליך דערגאַנגען, אַז זיין אמת איז אויך מעהר נישט ווי זעהר אַ קליינער טייל אָדער זאָגאַר אַ שוואַכער אָבשיין פֿון יענעם גרויסען, הייליגען אמת, וואָס ס'טראָגט אין זיך דאָס פֿאָלק ישראל...

ער האָט געזוכט אַט דעם אמת אין דעם שפּיגעל פֿון די שמות. ער האָט איהם געפֿונען דאָרט. ער האָט אין איהם איננערליך געלעבט, כאָטש עס האָט איהם געפֿעהלט דער מוטה, אויך אויסערליך צו לעבען איינגאַנצען לויט יענעם אמת...

III.

פֿון סאָציאַליזם צום פֿאָלקסטום, און פֿון פֿאָלקסטום – צום גלויבען.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, אַנ—סקי'ס „פֿריינד און חבר פֿון גאַנצען לעבען", דערצעהלט אין זיינע ערינערונגען וועגען זיין חבר און זיך, אַז דער חדר האָט זיי ביידען און דער יוגענד קיין גוטס נישט געגעבען, ווייל אין איהם האָט מען נור געשאַרפֿט זייערע מוחות, אָבער נישט געבילדעט און געאיידעלט זייערע הערצער. זיי האָבען געדאַווענט און מען האָט זיי נישט ערקלערט דעם זין פֿונ'ם דאַווענען און נישט ענטפּלעקט די שענקייט פֿון די תפלות. מען האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגען דעם העכערן זין פֿון רעליגיע. מען האָט קיינמאָל נישט אָנגעוויזען אויף דער עטישער זייט פֿון רעליגיע. מען האָט קיינמאָל נישט ענטפּלעקט, אַזוי צו זאָגען, דעם מאור שביהדות. עס איז אַליין געווען טרוקענע פּראָזע, אָבער נישט אויך קיין האָהר פּאָעזיע. אַנדערע, קלאָגט זיך ד"ר זשיטלאָווסקי, האָבען אַרויסגעטראָגען זעהר וואַרימע, ליכטיגע ערינערונגען פֿונ'ם חדר; מיר קאָנען עטוואָס אַזעלכעס וועגען זיך נישט דערצעהלען. אַנדערע האָבען בעזונדערע סענטימענטען צום חדר, מיר — נישט.

דערמיט וויל ד"ר זשיטלאָווסקי פֿערענטפֿערן זיך און זיין חבר, פֿאַרוואָס זיי האָבען אַזוי ליכט פֿערלאָזט אין זייער יוגענד די יודישע גאַס, אַריבערקלויבענדיג זיך, אַזוי צו זאָגען, מיט האַק און פּאַק אויף דער גוי'אישער גאַס, אָבגעבענדיג זיך מיט אַלע חושים, געדאַנקען און געפֿיהלען די אידעאַלען פֿון דער ראַדיקאַלסטער רוסישער אינטעליגענץ.

ווען ד"ר זשיטלאָווסקי רעדט וועגען זיין [illegible]

tortuous argument on Ansky's tie to the חדר

אז ער האט א מעה. אנ—סקי האט יא געהאט שטארקע סענטימענטן צום חדר, אין
װעלכען ער האט געלערנט, װי צו דער גאנצער סביבה, אין װעלכער ער האט פער-
בראכט זײַן יוגענד. אז אנ—סקי האט ניט ארויסגעטראגען פון זײַן חדר בלויז טרו-
קענע פראזע, בעװײַזט האמיש דער פאקט, װאס ד"ר זשיטלאװסקי דערצעהלט אלײן,
אז ער, אנ—סקי, מיט זײַנע חדר-חברים פלעגען פיהרען מלחמות מיט די „פלשתים",
ד. ה. מיט די ארומיגע גויש-יודישע יונגלעך, װאס פלעגען זײ בעפאלען, און אנ—סקי
איז, דוכט זיך, געװען עפּיס א מין קאמאנדיר — „שר-צבא"—אלע לויט'ן מוסטער פון די
ספרים פון שופטים און שמואל, װאס מען האט געלערנט... דערבײַ פלעגט אנ—סקי
בויען פערשידענע יונגעלשע בנינים לויט'ן מוסטער פון א משכן; א בית-המקדש
וכדומה. מען האט אלזא אנ—סקי'ן אין חדר ניט נור „דעם מוח געשארפט", נאר גע-
געבען שפּײַז אויך פאר'ן געמיט און פאר דער פאנטאזיע...

„װער עס װיל דעם דיכטער פערשטעהן, זאל אין דעם דיכטערס לאנד געהן". איך
קען אויסנעצײכענען דאס „לאנד פון'ם דיכטער". איך קען די סביבה, אין װעלכע
אנ—סקי איז געבוירען געװארען און האט זײַנע יונגע יאהרען פערבראכט. כאטש איך
בין אין חימעביטש װאו אנ—סקי איז געבוירען געװארען, קײנמאל ניט געװען, קען
איך דאך פיעל שטעדט און שטעדטליך ארום חימעביטש, און קען אויך פערשידענע
מענשען פון'ם חימעביטשער אלטען דור. איך קען איבערהויפּט די חב"ד'ער חסידים
װאס זענען געװען די רביים און די ערציהער פון שלמה זלמן (װי אנ—סקי האט גע-
הײסען לויט זײַן יודישען נאמען), װײַל איך האב אלײן אויך פערבראכט מײַן גאנצע
יוגענד, און ניט נור מײַן יוגענד, נאר אויך פיעל פון מײַנע עלטערע יאהרען צװישען
די דערמאהנטע חסידים. איך קאן דעריבער בעסטשטעלען, אז ס'איז אונמעגליך אין
דער װעלט, אז אזא חסידישע סביבה זאל ניט איבערלאזען א הויכע מאראלישע
השפּעה אויף א מענשען, בפרט אויף אזא פײַנאכטער און עמפּפינדליכער נאטור װי
ש. אנ—סקי. אין פיעל ערצעהלונגען פון ש. אנ—סקי פיהלט זיך א בעזונדערס שטארקע
בענקשאפט, ניט נאר נאך דער גאנצער סביבה פון זײַנע יוגענד-יאהרען, נאר אויך צום
חדר, אין װעלכען ער האט געלערנט, און צו די מלמדים, װאס האבען איהם געלערנט.

אמת, אז דער איבערגאנג פון ש. אנ—סקי פון דער יודישער גאס צו דער ניט-
יודישער גאס איז געװען א צו-עקסטער און א צו-שארפער, כמעט א פלוצלונגער. א
פּראצעס, װאס האט געדויערט בײַ א י"ל נארדאו פיעל יאהרען און איז דאך ניט פער-
ענדיגט געװארען, װײַל י"ל נארדאו איז דאך פארט געבליבען דורכאויס אין דער יודי-
שער גאס; א פּראצעס, װאס האט געדויערט בײַ משה ליב ליליענבלום כמעט צעהנדלי-
גער יאהרען, און װען ער איז שוין, רופט זיך, פערענדיגט געװארען, איז ער געבליבען
נור אין מחשבה און ניט אין מעשה, און אין מחשבה האט ער אויך ניט לאנג געדויערט,
װײַל באלד האט ער געמוזט צוטרעטען זײַן ארט פאר דעם רעף-געװארענעם פּאלעס-
טיניזם,—האט איהם ש. אנ—סקי דורכגעמאכט אין א משך פון א יאהר, צװײ. אין
יאהר 1880, װען ער איז אלט געװען 17 יאהר, װערט ער א משכיל; אין יאהר 1881
װערט ער שוין א „פערברענטער אפּיקורס" און אין יאהר 1883 הויבט זיך שוין אן
זײַן „געהן אין פאלק", ד. ה. צום רוסישען פויער און ארבײַטער, װאס דאס הײַסט
אויך דאס פיעלע דערװײַטערן-זיך פון די יודישע מאסען. און אויב אין 1881 שרײַבט
ער נאך אויף יודיש זײַן װערק „די געשיכטע פון א פאמיליע", װעלכע װערט דורך
אן אנדערן איבערגעזעצט אין רוסיש און װערט געדרוקט אין „װאסחאד" אין יאהר
1884, הויבט אן אנ—סקי, נאכדעם װי ער פאנגט אן געהן צום רוסישען „פאלק", צו
שרײַבען אלײן רוסיש און פון עכט רוסישען לעבען, פון פויערים- און ארבײַטער-לעב-

מילט איהם פון די געבוירענע רוסישע „נאראדניקעס" אבסאלוט גארנישט אב...

דער שארפער און עקסטער איבערגאנג ערקלערט זיך אבער גארניט, װי מען קאן
מײנען און װי ד"ר זשיטלאװסקי איז אויך געניגט צו קלערען, מיט דעם, װאס די
יודישע סביבה האט געהאט א צו-שװאכע השפּעה אויף אנ—סקי'ן אין זײַנע יונגע יאה-
רען, נאר אויסשליסליך מיט דער שמאקער לײדענשאפטליכקײט, עקסטער קאנסעק-
װענטקײט און עקסטען אידעאליזם פון זײַן נאטור. עקסטער אידעאליזם? װי אזוי קאן
דער עקסטער אידעאליזם דערװײַטערן א יודען פון זײַן יודישער סביבה? און װי אזוי
האט גראד דער עקסטער אידעאליזם געבראכט אנ—סקי'ן צום מאטעריאליזם פון ביכ-
נער, קארל פאגט און מאלעשאט און צום מאטעריאליזם-רעאליזם פון פּיסארעװ און
דאבראליובאװ? — דאס, האט ס'איז הײַנט שװער צו פערשטעהן און כמעט אונבע-
גרײַפליך, איז אין די 70-ער און 80-ער יאהרען פון'ם פערגאנגענעם יאהרהונדערט גע-
װען א נאטירליכע זאך. דער פילאזאפיש-װיסענשאפטליכער מאטעריאליזם איז דאן
געװען אײנפאך א זאך פון גלויבען; עס איז דאן געװען א רעליגיע פון עק-
סטרעמער אפּיקורסות. פיעל מענשען האבען דאן געגלויבט, אז אלע קרענק, צרות און
אומגליקען פון דער מענשהײט שטאמען נור פון „אײַנרעדענישען" און „פאראורטײ-
לען". װען די מענשהײט װעט אפּ פון די „אײַנרעדענישען" און „פאראורטײלען" בע-
פרײַט װערען, װעט זי ממילא פון אלע קרענק געגעזונט װערען און פון אלע צרות און אומגלי-
קען בעפרײַט װערען. און װאס האט דאן געהײסען „אײַנרעדענישען" און „פאראור-
טײלען"? אלע גײַסטיגע װערטהען פון דער מענשליכער געשיכטע, אלע גרויסע און
הײליגע אידעאלען, אלע בעסטע, שענסטע און אײדעלסטע שטרעבונגען. און צו װאס
האט מען דאן געשטרעבט? צו מאכען פון דער גאנצער װעלט אײן גרויס ארבײַטס-
הויז, װאו אלע זאלען נור פיזיש ארבײַטען און װאו די גרעסטע שטרעבונג זאל זײַן
זאט און נארהאפט אבצועסען, כדי צו האבען כח װײַטער צו ארבײַטען... מען האט
געזעהן אין אט דער „פעראײניפאכונג" פון דער מענשהײט דאס גרעסטע גליק. און
װאס מהוט מען דען ניט צוליעב דעם גליק פון דער מענשהײט? מיט דעמזעלבען
פײַער, װאס די חב"ד'ער חסידים האבען פערשפּרײט חסידות און יראת-שמים, האט
דעריבער דער יונגער ראפּאפּארט פערשפּרײט מאטעריאליזם און געזעלשאפטליכען
רעאליזם. זײ װילען גליקליך מאכען די װעלט דורך רוחניות און ער האט זי געװאלט
גליקליך מאכען דורך גשמיות..

װען אנ—סקי װאלט געװעזט זײַן, װי פיעל אנדערע יודישע אינטעליגענטען, א
בלויזער טעארעטיקער אדער א בלויזער פּאליטיקער און פּארטײ-אגיטאטאר, װאלט
ער אפשר געבליבען בײַ יענע טעותים, פערטרײַבטען און פערדרעהטען, װאס
מ'האט דוקא אנגענעבען אלס רעאליזם און װירקליכקײט. אזוי װי די טעטיגע לײַע-
בע האט אבער געטריבען אנ—סקי'ן אין דארף ארײַן און אין פאבריק, אין שטענדי-
גער בעװעגונג, שטענדיגען אנטרעפען-זיך מיט אלערלײ מענגליכסטע טיפּען פון מענ-
שען, פעראײניגען זיך מיט זײ און צוזאמענלעבען, איז ער ביסלעכװײַז, ביסלעכװײַז
בעפרײַט געװארען פון יענעם ענגען אידעען-קרײַז, אין װעלכען ער האט געלעבט בעת
זײַן ערשטער אפּיקורסות-עפּאכע. גליעב אוספּענסקי — דאס איז שוין א גרויסער
שריט פאראויס. פון א טשערנישעװסקי'ס „טשטא דיעלאט" ביז די טיעפע נשמה-ערצעה-
לונגען פון א גליעב אוספּענסקי איז דא זעהר א גרויסער מהלך, כאטש גליעב אוספּענ-
סקי האט אויך ניט אנגעהערט, ניט צו קײן אידעאליסטיש-מעטאפיזישער שולע, ניט
צו קײן רײַן-עסטעטישער שולע, און א פשיטא-שוין, אז ער האט ניט אנגעהערט צו קײן
רעליגיעז-פּאטריאטישער שולע. ער האט אנגעהערט צו די „נאראדניקעס". צװײ-

the extra-ordinary pull of philo. materialism
liberate humanity from spiritual dross.

[illegible] helped him to delve into the soul of the peasantry

זלאַטאָווראַטסקי, למשל, איז געווען אַ „נאַראָדניק" און גליעב אוספּענסקי איז געווען אַ „נאַראָדניק". וואָס פאַר אַ שייכות האָבן זיי אָבער איינער צום צווייטן? אוספּענסקי פאַרנעמט גאָר אַ באַזונדער אָרט צווישן די „נאַראָדניקעס". ער אידעאַליזירט לגמרי נישט דעם פּויער, וועלכן ער מאָהלט. אדרבה! ער מאָהלט די נעגאַטיווע זייטן פון'ם פּויער און פון'ם פּויערישן לעבן פיל שאַרפער, בייזער און בייסנדער, ווי די שרייבער גרופּע־„נאַראָדניקעס". ער קוקט אָבער אַריין אין דער נשמה פון'ם פּויערשן יחיד, ווי אין דער נשמה פון די פּויערשע מאַסן. „דער מענש מיט די אויפגעעפנטע נערוון", ווי מען האָט אוספּענסקין אָנגערופן, האָט אויפגענומען אַזעלכע פאַרבן, וואָס קיינער זעהט זיי נישט, און אַזעלכע טענער, וואָס קיינער הערט זיי נישט. דאָס, וואָס אַן־סקי האָט זיך געפונען אַ היבשע צייט אונטער דער דירעקטער און אומדירעקטער השפּעה פון גליעב אוספּענסקי, וואָס כ'האָט אים באַוועגט און געשטויסן צו שאַפן אַזעלכע זאַכן, ווי פריהער „אין שענק" (1883—1886) און אין „פּריצ'ישע הויף" (1886), און שפּעטער אַזעלכע זאַכן ווי „אויף נייער ערד" (1889) און „מאָרגנס" (1892), האָט אים אַ סך געהאָלפן צו דער אייגנטליכער ערפילונג פון זיין לעבנס־אויפגאַבע: זאַמלען יודישע פאָלקס־אוצרות און פאַרטיפן זיך מיט דעם יודישער פאָלקס־נשמה. גליעב אוספּענסקי האָט איהם געלערנט אַריינצוקוקן אין דער רוסישער פאָלקס־נשמה, דורכדעם האָט ער באַקומען די רגילות אַריינצוקוקן בכלל אין דער נשמה פון זאַכן, דורכדעם האָט ער איבערגעוואונדן און זיך דעם אויסערליכן, אויבערפלעכליכן רעאַליזם, דורכדעם איז פאַר איהם אויפגעעפנט געוואָרן אַ מיסטעריעל אין דער גייסטיגער וועלט און דורכדעם איז ער שוין פאַרבערייטעט געווען, אַז ווען עס וועט קומען די רעכטע צייט, ווען ער וועט רייף ווערן דערצו, וועט ער דערזעהן און דערשפּירן די נשמה פון זיין אייגענעם, יודיש פאָלק.

דער גורל פון זיין גאַנצן לעבן, זיין פייערדיגער טעמפּעראַמענט, זיין אייפער, זיין דראַנג צו טעטיגקייט וואַרפן איהם אַריין אין קעסל פון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער ווערט איינער פון די טעטיגסטע רוסישע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. דאָ איז ווידער אָנגעצייכנט געוואָרן די שאַרפע ליניע פון אַן־סקי'ס לעבנס־וועג. ער פאַראייניגט זיך נישט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, ביי וועמען אַלץ איז אין פּלוג אַזוי „קלאָר", אַזוי גלאַט און קיילעכדיג, אַזוי „שטרענג אָביעקטיוו" און „שטרענג וויסנשאַפטליך". קענטיג, אַז דער „היסטאָרישער מאַטעריאַליזם", ביי וועלכן די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האַלט זיך אַזוי אייזן־פעסט, האָט איהם, דעם געוועזענעם אַנהענגער פון מאַטעריאַליזם, יעצט לגמרי נישט צוגעצויגן. די טעאָריעס פון די ס.־ר., ווי אויך זייער קאַמפּיגע טעטיגקייט, האָבן געגעבן מעהר שפּייז אי פאַר זיין אמת־זוכנדער נשמה, אי פאַר דער ליידנשאַפטליכקייט און אַקטיוויטעט פון זיין כאַראַקטער. האָט די ס.־ר. האָבן אויך נישט געוואָלט אָנערקענען דעם ריינעם, פילאָזאָפישן אידעאַליזם, דאָך זענען זיי פּועל נעהנטער געווען אי צום אידעאַליזם, אי בכלל צו יעדער גייסטיגקייט, ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

פון די יאָהרען 1905 און 1906 הויבט זיך אָן דער „דרך תשובה" פון ש. אַן־סקי. ער הויבט־אָן צו שרייבן און צו דרוקן פּועל און פאַרשידענע יודישע ווערק, הויבט־אָן צו נעהמען אַנטייל אין אַלע יודישע ענינים, הויבט זיך אָן אָבצוגעבן מיט יודישן פאָלקלאָר וכדומה, חאָטש אויסערליך בלייבט ער אינגאַנצן דערזעלבער ס.־ר. וואָס געווען.

מיט וואָס ערקלערט זיך אָט דער „דרך התשובה"? אַן־סקי, וועלכער איז אַלע
[illegible]

How to explain his Teshuvah? Pop theory: the impacts of the pogroms

אינערליכע וועלט און שטאַרקע איבערלעבונגען. דערנאָך זעה איך, אַז מענשן, וואָס זענען געשטאַנען אין די לעצטע יאָהרען נאָהענט צו אַן־סקי'ן, דערצעהלן און ערקלערן גאַנץ אַנדערש אַן־סקי'ס איבערגאַנג צום עכטן יודישן פאָלקסטום. אַזוי האָט ש. ראָזענפעלד ערקלערט (אין זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט פאַרעפענטליכט באַלד נאָך אַן־סקי'ס טויט) די ערוואַכונג פון אַן־סקי'ס יודיש־נאַציאָנאַלע געפיהלען דורך זיין, אַן־סקי'ס, התקרבות צו די ציוניסטיש־סטודענטישע קרייזן אין בערן אין יאָהר 1904 און באַזונדערס אין די רעוואָלוציע־און פּאָגראָם־יאָהרען 1905 און 1906. ה' זלמן רייזען גיט אָבער איבער פּרטים פון אַן־סקי'ס התקרבות צום יודישן פאָלקסטום נאָך פון יאָהר 1901. נעמליך: דאַן האָט זיך אַן־סקי באַקענט מיט דער יובילעאום־אויסגאַבע פון פּרץ'ס ווערק, וועלכע האָבן אויף איהם געמאַכט אַן אומגעהויערן איינדרוק (די זאַמעל־ביכלער „לעבן" VII—VIII ז' 50). „עס קומט־אָן — שרייבט ווייטער ה' רייזען — דאָס יאָהר 1905. צוזאַמען מיט דער מעכטיג־אויפגעשטאַנענער כוואַליע פון דער רעוואָלוציע הויבן זיך אָן בלוטיגע יודישע פּאָגראָמען. אויף אַן־סקי'ן מאַכן זיי אַ שטאַרקן רושם. דאָס נאַציאָנאַלע געפיהל, וואָס האָט אַלע מאָל געדרימלט אין זיין ברוסט, ענטפּלעקט זיך אַלץ אָפענער. ער הויבט זיך אָן אַלץ מעהר צו אינטערעסירן מיט דעם נאַציאָנאַל־יודישן פּראָבלעם, און ווען גאַפּאָן, דער באַריהמטער פּראַוואָסלאַווער גלח, וועלכער ווײַלט דאַן אין זשענעווע, רופט־צונויף, דורך אַן־סקי'ס פאַרמיטלונג, אַ קאָנפערענץ פון פאַרשטעהער פון אַלע רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס, כּדי זיך צונויפצורעדן וועגן אַ נייער רעוואָלוציאָנערער אַרויסטרעטונג נאָך דעם דורכפאַל פון 9־טען יאַנואַר, — איז אַן־סקי דער איינציגער אויף דער דאָזיגער קאָנפערענץ (דער פאַרשטעהער פון „בונד" האָט פאַרלאָזט די קאָנפערענץ צוזאַמען מיט די פאַרשטעהער פון אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס), וואָס איז אַרויסגעטראָטן מען זאָל מיט אַ פאַרטראַג וועגן דער יודישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע און מיט אַ פאַרשלאַג, אַז די קאָנפערענץ זאָל וועגן דעם אַרויסטראָגן אַ ספּעציעלע רעזאָלוציע" (דאָרט ז' 51). וועגן דעם האָט אַן־סקי אַליין אויך דערצעהלט אין זיין פעליעטאָן וועגן גאַפּאָנ'ען, וואָס איז געווען געדרוקט אין „מאָמענט". עס ווערט דאָרט אויך דערצעהלט וועגן די באַמיהונגען פון אַן־סקי'ן צו ווירקן אויף גאַפּאָנ'ען, ער זאָל אויפשרייבן אַ בראָשורע געגן די פּאָגראָמען, און די באַמיהונגען האָבן צו גאָרנישט געבראַכט. הכלל: לויט די ערצעהלונגען פון די ה"ה ראָזענפעלד און רייזען, ווי טיילווייז אויך פון אַן־סקי'ס דערמאָהנטן פעליעטאָן, האָבן די גרויזאַמע אויסערליכע געשעהענישן, די פּאָגראָמען, געווירקט אויף זיין אינערליכער וועלט, אויף די געענדערטע באַציהונג פון'ם געוועזענעם רוסישן „נאַראָדניק" צו ווערן אַ ריין־יודישער פאָלקס־מענש.

גאַנץ אַנדערש דערצעהלט ה' ע. ל. ציפּראָן וועגן אַן־סקי'ס באַציהונג צו די פּאָגראָמען און וועגן זייער ווירקונג אויף איהם. אַן־סקי האָט איהם אַמאָל אַזוי געזאָגט: „די פּאָגראָמען האָבן אויף מיר געמאַכט אַ רושם, אָבער נישט אין דעם זין, וואָס איהר האָט געמיינט. פאַר'שכור'טע צאַריסטישע מיניסטאָרען האָבן אָנגערייצט אַ מאַסן ווילדע חיות אָנצופאַלן אויף אומשולדיגע מענשן און צו באָדן זיך אין זייער בלוט. טאַ וואָס דאַרף זיין דער פּועל־יוצא דערפון? דער פּועל יוצא דערפון דאַרף זיין, אַז די מענשהייט דאַרף אָנגעהמען די געהעריגע מיטלען, די דאָזיגע מיניסטאָרען מיט זייער רעזשים צו באַזייטיגן. וואָס פאַר אַ סמיכות־הפּרשה האָט דאָס אָבער ספּעציעל מיט יודען? און מיט יודישקייט? אָט אַזוי איז דעמאָלט געווען מיין לאָגיק.

ווען איך האַלט שוין דערביי — האָט אַן־סקי פאָרטגעזעצט זיין געשפּרעך —

Conversion experience in Vilna: hearing men expound an aggadah in a beismedresh

אל זיך האבן אויסגעדריקט אויף אַנ'עפּענטליכער פערזאמלונג, אז „דאס
ום איז בוימאַ״ל אויף די רעדער פון דער רעוואָלוציע". און פּרוּוואַטע שמוע־
איך מעדעם'ן גאנץ היינט פערטיידיגט. איך האב געפרעגט: מיט וואס האט
וי „חוטא בעגל" געווען, ווען ער האט ארויסגעזאגט דעם געדאנק, אז דאס
פערגאסענע יידישע בלוט וועט נאך פיעל שטארקער מאכען די רוסישע
ע?" (דארט ז' 37).
אל אלזא בעדייטען, אז די פּאָגראָמען, ווי אלע אנדערע ענהליכע אויסערליכע
שען, האבען בארניישט געווירקט אויף צו ענדערן די פּסיכיק פון ש. אנ—סקי.
שע איז אבער פּאַרט פּאָרגעקומען דער אינערליכער איבערברוך און אנ—סקי'ס
ערויף ווייסט אונז ה' ש. ל. ציטראָן צו דערצעהלען זעהר אַנ'אינטערעסאַנטע:
ין אנ—סקי'ס לעבען, וואס געהער איינגענטליך צו די שפּעטערע יאהרען, דאך
ר דעם גאנצען „דרך־תשובה" פון ש. אנ—סקי:
עת מען האט מיר ערלויבט צו קומען קיין רוסלאנד — האט אמאל אנ—סקי
ט וועגען זיך — האב איך מיר געלאזט פאָהרען גלייך אהין, וואו קיין יודען'ס
זיך נישט בעוויזען: קיין פּעטערבורג. איך האב מיך דעמאלט אונטערוועגס
לט אויף א פּאָר טעג אין ווילנא. איך געדענק שוין היינט נישט, ווי אזוי, צי
מיט נאך עמיצען, בין איך אריין, אדער מען האט מיר אריינגעפיהרט, אין
וין. דאס איז געווען א זומער־טאג פאַרנאַכט „בין מנחה למעריב". הארט ביים
זענען ארום א גרויסען טיש געזעסען א פּאָר מנינים יודען בעלי־בתים, פּמעט
בעיאהרענע מענשען, וועלכע האבען זיך איינגעהערט מיט א בעזונדערע
זאמקייט צו איינעם פון זיי און דער מיט, וואס האט פּאָרגעטראַגען — איך
היינט פּערגעסען וואס: צי איז דאס געווען מדרש, צי אגדה. איך געדענק נור,
וּנהאלט פון דעם „שעור" איז בעשטאַנען אין זעהר פּאַנטאַסטישע און פּאַר־
לעגענדעם וועגען דער וועלט און יענער וועלט. א לאנגע ווילע בין איך
און האב מיט גרויס ענטציקונג בעטראַכט די פּנים'ער פון די צוהערער, אין
נס האט זיך אָבגעשפּיגעלט א מין „התפשטות הגשמיות" און אָב־
לט א מין הומליש - פערגניגען, ממש ווי די מענשען
בעט מעשה פערגעסען וואו זיי געפינען זיך און וואלטען זיך געפיהלט
ט אין בחברותא מיט די מלאכים, שוועבענדיג, מיט לויב־לידער אויף די ליפּען,
־הכבוד... אנטקעגען, אין מזרח־וואנד האט זיך א גאנץ שען בחור'ל פון א
—16 געשאקעלט איבער א גמרא און דערביי אונטערגעזונגען מיט אזא
אז ס'האט מיך גענומען אזש ביים הארצען. און יענער מינוט איז מיר מיט
ויפּגעשוואומען אין מוח א גאנצער שטראָם פון קינדהייט־און־יוגענד־זכרונות.
ר דערמאהנט אן אונזער שטאָדטישען בית־המדרש, וואו איך האב זיך אמאל
אקעלט מיט גרויס חשק און התמדה איבער דער גמרא, אט ווי יענס בחור'ל,
ים און מאמעס האבען זיך געבענטשט מיט דעם קינפטיגען רב, וואס פון מיר
סקומען. איך האב זיך פאָרגעשטעלט אונזער רב, ווי ער זיצט ביים „שעור"
ד מפלפל און לערנען מיט די שטאָדט־לומדים, וועלכע שלינגען ממש
ווארט, וואס געהט ביי איהם ארויס פון מויל, און אין זכרון האט געשלעפּ־
רעם אנדערן; כ'האב זיך דערמאהנט אן אונזערע שבתים און ימים־טובים, אז

צו בעקומען דאס בעדערפניש
איך בין ארויס אויפ'ן גאס, האב איך איין מער געפיהלט דאס בעדערפניש צו בעקומען
איך בין ארויס אויפ'ן גאס, האב איך אין מער געפיהלט. גראד האב איך
געטען עס איז דורכגעפאָרען זיך מיט איהם וועגען יודען און יודישקייט. גראד האב איך
מיר אין יענער מינוט דערמאהנט, אז דא דארף וואוינען ד"ר קאַנטאָר. וועמען מען
האט יענעם זומער אויסגעקליבען אלס ראבינער, און איך האב מיר געלאזט געהן
אויפזוכען איהם. ווען איך בין ארויף אויף זאוואלנע גאַס, האב איך דערזעהן ווי
קאזאקען מיט נאהייקעס אין די הענד יאגען־אראב פון די טראָטואַרען יודישע קינדער;
דאס האבען זיי פונאנדערגעטריבען די בונדיסטישע „בירזשע". און אַנ'אנדער צייט
וואלט איך אזא סצענע נישט דורכגעלאזט שווייגענדיג; געוויס וואלט איך, ווי מיין
שטייגער, אויף קיין זאך נישט געקוקט און וואלט תיכף פּראָטעסטירט. דאסמאל בין
איך אבער נור פאַרבייגעלאָפען, איינגאַנצען אריינגעטהון נור אין דעם איין פערלאַנג
אויפצוזוכען קאנטאר'ן און דורכשמועסען זיך מיט איהם. איך האב מיך אבער אויף
מיין קאנטאר'ן נישט געקאָנט דערוואַרטען. איך בין אנ'אויפגערעגטער אוועק אויף
קוואַרטיר. כ'האב יענע נאַכט אַנ'אויג נישט צוגעמאַכט. ס'האבען זיך מיר געפלאָנטערט
אין מוח די שענע, וואונדערליכע מעשיות וועגען דער וועלט און יענער וועלט, צוי־
זאמענגעפלאָכטען מיט פאַרצייטיגע בילדער פון דער הווה. אויף מאָרגען פאַרטאָג בין
איך אָבגעפאָהרען קיין פּעטערבורג, אָבער שוין נישט דערזעלבער"... („לעבען"
ז' 36 און 37).

עטוואס אין דער ערצעהלונג איז געדיכטעט, ווייזט אוים, פונ'ם ה' ש. ל. ציטראָן,
ווייל, ווי ווייט מיר ווייסען אנ—סקי'ס לעבען, פון זיינע איינענע עראינערונגען, פון
די עראינערונגען פון זיין חבר ד"ר זשיטלאָווסקי, איז ער קיינמאל נישט געווען פון
די „זיידענע בחורים'לעך". דער תוך פון דער מעשה, וועלכער איז דורכאוים ריינע
אנ'ענהליכע אויף אנ—סקי'ס „תשובה". זעהר אינגעניע לייט אויף אנ—סקי'ס
ווירקליכקייט, צוגיסט אבער א בעזונדער ארטיסט פונ'ם געהערט. האב איך
מעשה צו דער, וואס ה' ציטראָן דערצעהלט, איז עס פאַרגעקומען אין ווילנער קברנים־שוהל,
ה' מאַרעווסקי. לויט ה' מאַרעווסקי'ן, איז עס פאַרגעקומען אין ווילנער קברנים־שוהל,
ה' מאַרעווסקי. לויט ה' מאַרעווסקי'ן, עגטשטאַנען אין אנ—סקי'ס גשמה די גרונד־אידעע
ווען עס איז, לויט ה' מאַרעווסקי'ן, ענטשטאַנען אין אנ—סקי'ס גשמה די גרונד־אידעע
פונ'ם „דבוק". זעהר כאַראַקטעריסטישער שטריך.

ס'איז דא אין ה' ציטראָנ'ס ערצעהלונג אויך איין זעהר כאַראַקטעריסטישער שטריך.
די אגדות, וואס אנ—סקי האט געהערט אין ווילנער שוהל, זענען געווען
נעמלין ג די אגדות, וואס אנ—סקי האט געהערט אין ווילנער שוהל, האט אנ—סקי
קאַמענדירט א היים, האט אנ—סקי
וועגען דער וועלט און יענער וועלט. „דער וועלט און יענער
וועלט". נעהמען מיר ווידער אין אכט, אז אנ—סקי האט אנגעהויבען זיין איינענטליך
יודיש שאפען פונ'ם „אשמ־אי", וואס האט אויך, אין גרונד גענומען, צו טהון מיט די
יודישע פאַרשטעלונגען וועגען ביידע וועלטען און האט (אין ריין־קינסטלערישען זין)
געענדיגט מיט'ן „דבוק", מוז מען זיך אויף דעם אלעמען גאנץ בעזונדערם פערטראַכ־
טען...

איינייגע פון ש. אנ—סקי'ס מקורבים ווערען זעהר שטארק אויפגעבראַכט. ווען מען
בעמערקט זיי, אז אנ—סקי איז אין די לעצטע יאהרען פון זיין לעבען שטארק נאהנט
געווען צום גאנץ איינפאַכען גלויבען פונ'ם פאלק. צום גלויבען אין דעם אויבערשטען,
אין שכר ועונש וכדומה. לויט זייערע פאַרשטעלונגען, הייסט עס איינפאַך בעליידיגען
דאס אנדענקען פונ'ם גרויסען נפטר. זיי קאָנען אפילו צוגעבען, אז אנ—סקי איז געווען
„פּיעטעט־געפיהל", אז ער האט געהאט א שטאַרק
יישעטיקט „סענטימענטאל", אז ער האט אלץ, וואס דאס

Problems w/ this version

Morevsky confirmed essence of it.

דערויף האָט אַנ-סקי נאָך אַ קורצן שווײַגן געזאָגט: „איך פֿאַרשטײ זיך ניט!" („לעבן", ז' 42).

אַנ'עפּיזאָד, וואָס ס'האָט דערצײלט דער דיכטער ל. יפֿה אין „הארץ" די כאַראַקטעריזירט גענוי די בעציִונג פֿון ש. אַנ-סקי צום עלטערן און אײַנפֿאַכן ייִדישן רעליגיעזן לעבן:

—„מיר האָבן פֿאַרלאָזט — דערצײלט ל. יפֿה צווישן פֿיל אַנדערן — מאָסקווע ערב יום-כּיפּור. און אָוונט, ווען דער צוג האָט זיך אָבגעשטעלט אויף עפּעס אַ סטאַציע, זענען מיר אַריבער אין אַנ-סקי'ס וואַגאָן. מיר זענען אײַנגעלאַדן געווען צו דאַווענען כּל-נדרי מיט די ייִדישע פּאַסאַזשירן. ס'איז געווען אַ טרויעריקער, פֿאַלטיקער און פֿינצטערער אָוונט. אַ שוואַרצע און אָטעמיקע אָוונט-פֿינצטערניש האָט אַרײַנגעהילט. דער רעגן, וואָס האָט גענאָסן אָן אויפֿהער, האָט געקלאַפּט אויף די ווענט און אויפֿ'ן דאַך. אַ שווערער און דריקנדער אומעט האָט פֿאַרקלעמט אינזערע אַלעמענס הערצער.

פֿון קעסטלעך און ברעטער האָט מען צוזאַמענגעשטעלט אַנ'עמוד און איהם באַדעקט מיט אַ טישטוך. מען האָט אָנגעצונדן ליכט און זייער דונקעלע שײַן האָט צעשפּרייט די פֿינצטערניש און נאָך גרעלער געמאַכט די שאָטנס, וואָס האָבן געוואַנדלט אין די ווינקלען פֿון וואַגאָן. אַנ-סקי האָט, אײַנגעהילט אין אַנ'אַלטן און געלאַטעטן טלית, אָנגעהויבן צו זינגען „כּל-נדרי" מיט'ן ניגון פֿון אַנ'אַלטן און געניטן בעל-תּפֿילה, וואָס אַזעלכע קאָן מען נאָך געפֿינען אין די פֿאַרוואָרפֿענע שטעטלעך.

מיר זענען אַלע געשטאַנען נעבן איהם. אויך די פֿרויען און קינדער זענען אַראָב פֿון די בענק און פּעקלעך און זיך גרופּירט אַרום איהם. צוטומלטע און אויפֿגערעגטע האָבן מיר זיך צוגעהערט צו דער תּפֿילה און נאָכגעזאָגט נאָך איהם.

זײַן שטים איז געווען הייזעריג, דער ניגון האָט זיך ניט אײַנגעגעבן און אפֿשר האָט אויך זײַן „עברי" אַ ביסעל אונטערגעהונקען; אָבער אין מײַן לעבן האָב איך ניט געהערט אַ תּפֿילה אַזוי דורכגעדרונגען מיט אַנ'אַגאָנישן צער פֿון אַנ'אײַנזאַמען און וואַנדערנדען לעבן, מיט די געפֿיהלען פֿון אַ נשמה, וואָס קלאַגט זיך אויף איהר עלענד, וואָס בעוויינט איהר גלות, ווי די דאָזיגע שטילע תּפֿילה אין יענעם „כּל-נדרי"-אָוונט, אין די אומעטיקע סטעפּעס, אין דעם פֿינסטערן וואַגאָן, אין וועלכן מיר זענען געווען פֿאַרשלאָסן, ווי אין אַ מתים-אָרון, בײַ דער דונקעלער און גוסס'דיגער שײַן פֿון די ליכט, צווישן דער ברומערײַ פֿון ווינד און דער אײַנטענינער און לאַנגווײַליגער קלאַפּערײַ פֿון רעגן".

ווען פֿרײַן אַדער זײַנע נאָכפֿאָלגער דערצײלן חסיד'ישע מעשיות אַדער שילדערן חסיד'ישע טיפּען, אידעאַליזירן זיי זיך קיינמאָל ניט מיט יענע מעשיות אַדער טיפּען. בײַ זיי איז עס אַבערהויפּט—קונסט, חאָטש אַז די קונסט האָט, נאַטירליך, אַ שטאַרקע אחיזה אין זייער שורש-נשמה. אַנדערש איז אָבער בײַ אַנ-סקי'ן. ער גיט אַרײַן אין מויל פֿונ'ם מיראָפּאָלער צדיק (דער „דבּוק", דריטער אַקט) אַ זעהר שיינע, רײַנע און הייליגע תּורה. שפּעטער דרוקט ער עס אָב (ערב-יום-כּפּור פֿון שנת תּר"פּ, „מאָמענט" 1919, 227) פֿון זײַן אייגענעם נאָמען, וואָס דאָס בעווײַזט אַז דער מיראָפּאָלער צדיק מיט זײַנע געדאַנקען וועגן ישראל, וואָס הייסט דאָס הייליגסטע פֿאָלק פֿון אַלע פֿעלקער, און ארץ-ישראל, וואָס איז דאָס הייליגסטע לאַנד פֿון אַלע לענדער, און ירושלים, וואָס איז די הייליגסטע שטאָט פֿון אַלע שטעט, און

Zeitlin argues that he really became frum but was unwilling to alienate all his friends

…י וועגן דעם, וואָס איז כּל ימיו געווען אַ ראַציאָנאַליסט, אַ פּאָזיטיוויסט
…, וואָס האָט כּל ימיו געקעמפֿט קעגן דער „פֿינסטערניש"?
…ר האַלט זיך אָבער בײַ דאָס מיינונג, אַז אַנ-סקי איז געוואָרן אין די לעצטע
…פֿון זײַן לעבן אַ ייִד אַ מאמין אין. לכל הפּחות, אַ שטאַרק געניגטער צום
…גלויבן. נאַטירליך, האָט ער אינערליך געלעבט אויך אין די לעצטע יאָהרען
…אַנדערע אינטעליגענטען. דאָס ערקלערט זיך אָבער ניט דערמיט, וואָס ער איז
…ן דערזעלבער פּאָזיטיוויסט און ראַציאָנאַליסט, וואָס אין דער יוגענד, נאָר דער-
…אַס אויף דער עלטער האָט איהם געפֿעהלט יענע דרייסטקייט און מהאַט,
…ן דער יוגענד און אין די מיטעלע יאָהרען. ער האָט געהאַט אין זיך גענוג
…ט אויף „צו געהן אין פֿאָלק"; עס האָט איהם אָבער געפֿעהלט די דרייסטקייט
…בען פֿיהרען אַ לעבן פֿון אַ פּשוט'[illegible]אמין: אָנטהון טלית און תּפֿילין וכדומה.
…וואָלט ער בעדאַרפֿט איבערײַסן מיט זײַן גאַנצער פֿערגאַנגענהייט און פֿיהלען
…עהר פֿרעמד אין דער אינטעליגענטער און האַלב-אינטעליגענטער
… אין וועלכער איהם איז אויסגעקומען צו לעבן. ווען אַנ-סקי
…קומען צו זײַנע רעליגיעזע איבערצײַגונגען אין דער יוגענד אַדער אפֿילו
…מיטעלע יאָהרען, גלויב איך, אַז ס'וואָלט בײַ איהם אויך דערויף גע-
…דרייסטקייט. אַזוי אָבער ווי זײַן גאַנצע יוגענד (פֿון זיבעצעהנטען יאָהר
…נע גאַנצע מיטעלע יאָהרען און אויך אַ היבשער טייל פֿון זײַנע עלטערע יאָהרען
…ר אָבגעלעבט אין פֿרײַדענקערײַ, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט אונצעהליגע בע-
…און גוטע פֿרײַנד אַבערהויפּט צווישן פֿרײַדענקער, איז איהם זעהר שווער
…איבערצורײַסן מיט דעם אַלעמען און געהן אונערמידליך אויף דעם וועג, וואָס
…ון באַר: כּיני דורך פֿיעל לענדער און דורות און פֿיהרט צום מלך המשיח...
…ן מײַן בעהויפּטונג, אַז אַנ-סקי איז אין די לעצטע יאָהרען פֿון זײַן לעבן געווען
…יז „פֿאָלקסטימליך", נאָר אויך רעליגיעז-פֿרום און פּראָסטע, עכט-ייִדישע זין,
…איז עס געווען אין האַרצען, האָטש ער האָט עס, איבער די אויבערגערעדענע
…ען, ניט פֿערווירקליכט אין לעבן, שטיצט איך זיך ניט בלויז אויף מײַנע כּוונות
…אײַנדריקען, ווי דער בעזונדערער סטיל פֿון זײַנע חסיד'ישע ערצעהלונגען, וועל-
…ין פֿיעל מאָל האָרט די סטיל פֿון אַ קונסטלער, אויך ניט דער סטיל פֿון אַ
…, נאָר אויך אויף שטרענג אָביעקטיווע בעווײַזען.

…ין צוואה, אַז מען זאָל זאָגן קדיש אויף זײַן קבר און אַז מען זאָל מאַכן „אל
…רחמים" אַדער מען וועט שפּיעלען זײַן „דבּוק", איז אין קיין אופֿן ניט געווען
…סענטימענט", נאָר אַ גלויבענס-זאַך. ניט פֿריִ, ניט דינגען האָבן זיך גע-
…ן וועגן אַזעלכע זאַכען, חאָטש זיי האָט בײַדען ניט געפֿעהלט ניט קיין פֿאָלקס-
…קייט, ניט קיין סענטימענטען. דאָס, וואָס אַנ-סקי האָט דורכאויס געוואָלט,
…ן זאָל איהם מאַכן „אל מלא רחמים" פֿאַר'ן שפּיעלען דעם „דבּוק", בעווײַזט
…ערצן איוסדריקליך, אַז ער האָט געקוקט אויף זײַן ליעבלינגס-ווערק, ווי אויף אַ
…ניעזע שאַפֿונג.

מיר האָבן גערעדט — דערצעהלט ד"ר יעקב ווינאַדסקי אין זײַנע ערינערונגען
…אַנ-סקי'ן — וועגן רעליגיע. איך האָב ניט בדעה דאַ איבערצוגעבן אונזערע
…און וואַרימע רייד, נאָר צום סוף האָט אַנ-סקי געזאָגט, אַז ער קאָן ניט פֿער-
…, ווי אין געוויסע קרײַזן קאָן מען מיינען, אַז די רעליגיע און דער סאָציאַליזם
…סתּר אײנס דאָס אַנדערע... איך האָב דערצעהלט אַנ-סקי'ן, אַז אין דײַטש-

אנדערער, ווי ער, „ר' שלמה זלמן בר' חיים המכונה ראפאפארט“ אליין.

פערטראכט זיך א ביסעל מעהר אויף די אויבענדערמאהנטע פאקטען. בעזונדערס אויף דעם לעצטען פאקט, וועט איהר אויך איינזעהן, ווי אזוי, אז אינ'ם „דבוק“ האבען אנ—סקי'ן איבערהויפט בעשעפטיגט רעליגיעזע פראבלעמען, און יאָ, האט'ס אינ'ם „דבוק“, האט אנ—סקי'ס נשמה געפונען, ווי א קריטיקער האט זיך ריכטיג אויסגעדריקט, איהר קינסטלערישען תיקון. דאס איז, אנ—סקי'ס נשמה, געזוכט, נישט נור א קינסטלערישען תיקון, נאר אויך, און איבערהויפט, א רעליגיעזען תיקון.

IV.

וואס פאר א ווערק איז דער „דבוק“?

די מיינונגען וועגען דעם ווערטה און זין פונ'ם „דבוק“ זיינען זעהר פערשיעדענע. אים אלגעמיין ווערען אבער אט די מיינונגען צוגעפיהרט צו צוויי הויפט־מיינונגען: א) אז דער „דבוק“ איז א ריין־רעאליסטישע זאך. ווי, וואס דא האנדעלט זיך עפיס וועגען „צוויי וועלטען“ און וועגען עפיס צדיקים מיט חסידים, מיט טרייבען דבוקים, וכדומה? — מאכט נישט אויס. דאס איז א שטיק פאלקס־לעבען פון אמאל. אמאל זיינען אט די אלע זאכען געווען ריינע רעאליטעטען, ווייל די יודישע מאסען האבען געגלויבט אין זיי און געלעבט אין זיי; ב) אז דער „דבוק“ איז א ריין־סימבאליסטישע זאך. ניט די רעאלע טיפען זיינען דא וויכטיג, ניט דער אמאליגער יודישער „ביט“, זאגאר ניט די בלויזע פאלקסטימליכקייט, נאר די העכערע אויפגאבען, וואס דער דיכטער האט זיך געשטעלט, די אידעען, וועלכע ער פערקערפערט אין בילדער, די רעליגיעז־עטישע, צי מיסטיש־פילאזאפישע פראבלעמען, וועלכע ער שטעלט ארויס און פאר וועלכע ער זוכט א לעזונג.

די אנהענגער פון דער ערשטער מיינונג געהען אזוי ווייט און זייער פעראיינפאכען און דערמיט אויך פערקלענערן דעם ווערטה און אומפאנג פונ'ם „דבוק“, אז איין פעליעטאניסט האט זיך ערלויבט אזוי צו שרייבען:

„דער „דבוק“ איז א שיין טעאטער־שטיק, נישט מעהר: דער אינהאלט פון דער דראמע איז א ביסעל איבערפלעכליך, די פאבולע — צו־נאאיוו, די עפעקטען — צו־ביליג, די פערזאנאזשען — צו־איינפאך און נור א פאר גוטע סצענעס, א פאר געלונגענע דיאלאגען, אדער דיכטערישע געזאנגען — מאנאלאגען, א פאר שארף־בעצייכענטע פיגורען און טיפען מאכען די דראמע שיין. אים אלגעמיין אבער איז דאס אייגענטליך אפילו נישט קיין דראמע אין ענגערן זין, נאר דאס, וואס מען בעצייכענט אין רוסלאנד מיט'ן נאמען „בימאוויא דראמא“, בילדער פון דעם פאלקס־לעבען מיט א נאאיווער דראמאטישער פאבולע און א קליינער דאזע מיט מעהר קינדישען אלס חסיד'ישען מיסטיציזם“.

פאלעמיזירען מיט אזא מיינונג איז אבסאלוט איבריג. עס איז גענוג געגענצו־שטעלען א מיינונג פון א צווייטען, וועלכער ווייסט יא וואס חסידות איז און וואס מיסטיציזם איז און וואס איז אזוינס קונסט, ווייל ער האט אליין פערפאסט א „ספר חסידים“ נאך מיט צוואנציג יאהר צוריק, האט פערפאסט פיעל מיסטישע ווערק, פיעל עכטע קונסט־ווערק — מ. י. בערדיטשעווסקי. אויב דער דערמאהנטער פעליעטאניסט זעהט אינ'ם „דבוק“ נישט מעהר ווי א „בימאוויא דראמא“, זעהט אין איהם בערדיטשעווסקי די ווירקליכע אבשפיגלונג פונ'ם אייביגען פערקעהר צווישען צוויי וועלטען: די אויסערליכע, זיכטבארע וועלט און די אינערליכע, אומזיכטבארע

וועלט. אויב דערזעלבער פעליעטאניסט זעהט אינ'ם „דבוק“ „מעהר נאאיוועט ווי חסידישען מיסטיציזם“, האלט בערדיטשעווסקי, אז דער חסיד'יזם אינ'ם „דבוק“ שטייט ווייט, הויך אריבער אי זיין, בערדיטשעווסקי'ס, „ספר חסידים“, אי פרץ'ס „חסידות“. אין דער צייט, וואס דער דערמאהנטער פעליעטאניסט זעהט אינ'ם „דבוק“ זעהר אנ'ארימען און נאאיווען אינהאלט, האלט בערדיטשעווסקי, אז דער אינהאלט פונ'ם „דבוק“ איז פיעל העכער, ריינער און טיעפער, ווי דער אינהאלט פון מעטערלינק'ס דראמען... (לעז אויפמערקזאם בערדיטשעווסקי'ס „בשדה ספר“, „סקלט“ י"א ז' 297—296).

אמת, אז בערדיטשעווסקי איז דארט בעגאנגען א גרויסע, כמעט אומפערצייהליכע עולה — דערמיט, וואס ער האט צוגעשריבען אנ—סקי'ן די באמת געניאלע שטעלע וועגען דעם הארץ פון דער וועלט און דעם קוואל פון דער וועלט (דער „דבוק“ דריטער אקט, ז' 50), אין דער צייט, וואס אט די שטעלע איז גענומען ווארט ביי ווארט פון רבי נחמנ'ס „מעשה בז' בעטלערס“. דאך איז דער עצם קוק פון בערדיטשעווסקי'ן א ריכטיגער. דער גרויסער גייסט, וואס שוועבט איבער די „צוויי וועלטען“, לאזט זיך פיהלען אין יעדער ווענדונג, אין יעדער בעוועגונג, אין יעדען אויסדרוק פון דער דראמע.

אנדערע פון די, וואס זעהען אינ'ם „דבוק“ א פאלקס־שטיק, רעדען יא וועגען דעם גרויסען קינסטלערישען ווערטה פון דער דראמע. די ריינע רעאליסטישע אויסטייטשונג פון דער דראמע מוז־דאך אבער פארט צופיהרען אין איהרע לעצטע קאנסעקווענצען צו דעם מעוט הדמות פון דער גאנצער זאך, דען קוים האנדעלט זיך עס אינ'ם „דבוק“ אין א בלויזער אבשפיגלונג פונ'ם אמאליגען יודישען לעבען, דאן שטעהט דער „דבוק“ ווירקליך נישט העכער פון דינעזאנ'ס „אבו־נגף“ וכדומה.

צום גליק איז אבער די גאנצע זאך לגמרי נישט קיין רעאליסטישע, וממילא מוז מען צו איהר צוגעהן מיט א גאנץ אנדער מאס און אנווענדען א גאנץ אנדער מעטאדע...

ווען אונזערע פערשיעדענסטע רעצענזענטען און קריטיקער וואלטען זיך אריינגעטראכט אין דער זאך, וועגען וועלכער זיי שרייבען, וואלט זיין גאנץ אומזיסט צו בעווייזען, אז דער „דבוק“ איז נישט קיין פאלקס־שטיק און נישט קיין „בימאוויא דראמא“. אזוי אבער ווי ביי אונז לייענט מען און מען בעטראכט זאכען זעהר אויבערפלעכליך און מען טראגט־ארויס אורטיילען אויף דעם גרונד פון אבגעריסענע, צופעליגע, נישט־קאנטראלירטע איינדריקען, מוז מען דא זאגען: „ניתי ספר ונחזי“. לאמיר אקארשט דורכגעהן די גאנצע דראמע פון אנהויב ביז'ן סוף און לאמיר זעהן אויף וויפיעל זי איז א „פאלקס־שטיק“ און א שפיגעל פונ'ם אמאליגען יודישען „ביט“...

reviews the whole play

„איידער דער פארהאנג הויבט זיך אויף, ביי א פאלקאמער פינסטערניש, הערט זיך ווי פון דערווייטען א שטילער, מיסטישער געזאנג:

מחמת וואס, מחמת וואס
איז די נשמה
פון העכסטער הויך
אראב אין טיעפסטען גרונד?
— דאס פאלען טראגט
דאס אויפקומען אין זיך“.

(ערשטער אקט, ז' 5).

„עס ווערט שטאק־פינסטער. פון דערווייטענס הערט זיך שטיל־שטיל: מחמת וואס, מחמת וואס איז די נשמה פון דער העכסטער הויך וכו' (פארהאנג)“

(ענדע פונ'ם לעצטען אקט).

בען, דארף אריין אין א גוף, וואס איז נאך נישט געבוירען געווארען, קומט-פאר א געראנגעל: שטארבט די קראנקע, ווערט געבוירען דאס קינד; ווערט די קראנקע גע-זונד — ווערט געבוירען א טויט קינד" (ז' 16), וואגען שוין נישט די בטלנים צו חקר'ען וועגען דעם, און א פשיטא שוין, אז זיי וואגען נישט צו צווייפלען אין דעם, נאר איינער פון די בטלנים ווערט שטארק איבערראשט און זאגט: „אי! אי! אי! ווי בלינד א מענש איז! ער זעהט נישט, וואס געבען איהם מהות זיך". פון וואנען קומט צום משולח, ווען מען זאל איהם נעהמען ריין-רעאליסטיש, אזא זאך?

מען קאן נאך ווי-ניט-איז בעגרייפען רעאליסטיש דאס, וואס „דער משולח" ווייסט אלץ, וואס ס'קומט-פאר ביי סנדר'ן אין הויז. דערויף איז דא א תלמודיש ווערטעל: „ממהדורי מילי" (פון ארומגעהער הערט מען זיך אן אלערליי שמועסען). זענענדיג שטענדיג אונטערוועגענס, בעגעגענדיג זיך מיט פערשיעדענסטע מענשען, אנהערענ-דיג זיך פון זיי פערשיעדענע מעשיות, האט ער געקאנט הערען וועגען דעם תקיעה-כף, וואס סנדר האט אמאל געגעבען זיין פריינד ניסן בן רבקה, וועגען דעם, אז דער ישיבה-בחור חנן איז א זוהן פון יענעם פריינד, וועלכער איז שוין אויפ'ן עולם-האמת, און וועגען דעם, אז סנדר האט אן זיין תקיעת-כף פערגעסען און גיט-אב זיין טאכ-טער נישט פאר איהר אמת'ן בעשערטען, ניסנ'ס זוהן, נאר פאר א'אנדערן, האטש עס בלייבט דאך אלץ אונבעגרייפליך: פון וואנען האט „דער משולח" פארט געוואוסט, אז חנן איז יענעם ניסנ'ס זוהן?

מען קאן דאך אבער ביים-אייבען זאגען נישט בעגרייפען די גאנצע האלטונג און שטעלונג פונ'ם משולח און די גאנצע האנדלונג זיינע.

וואס איז זיין עסק צו זאגען סנדר'ן מוסר, דערצעהלענדיג איהם דעם רבי'נס משל מיט'ן שפיגעל (ז' 30) און, ווידער, וויסענדיג גאנץ גוט ווער חנן איז, בזאנדער פרעגען זיך וועגען איהם, גלייך ווי ער הויבט איהם גארנישט אן צו וויסען?

אין דעם גאנצען ערשטען אקט פיהלט זיך, אז „דער משולח" האט אויסגעצייכענט געוואוסט, אז חנן האט צו טהון מיט בייזע קרעפטען, — פארוואס האט ער גארנישט געטהון, אום צו אבווענדען איהם פון דעם?

נאכמעהר: „דער משולח" דערצעהלט זיך גאנץ רוהיג און געלאסען, ווי אזוי מען קאן ארויסרופען די בייזע קראפט: „ארויסרופען דעם טייוועל קאן מען נור מיט דעם צווייפאכיג אויסגעדריי'טען שם, וואס שמעלצט צונויף אין זיין פלאם די העכסטע בערג-שפיצען מיט די טיעפסטע טהאלען". און „חנן הויבט-אויף דעם קאפ און הערט זיך אויפמערקזאם צו" (ז' 10). צו-וואס טהוט עס „דער משולח"? צו-וואס לאזט ער דעם עלענדען, אומגליקליכען חנ'ען פאלען אין טיעפען תהום אריין?

„דער משולח" איז אומעטום פול. וואו מען זעהט איהם נישט, דארט האקט ער, ער בעגלייט ווי א שאטען יעדען איינציגען, יעדעס געשעהעניש, ווייסט ער פאראויס, דאך ווארענט ער קיינעם נישט, ווי איינער זאגט: זאל געשעהן דאס, וואס ס'מיז גע-שעהן, ער בעשטעטיגט יעדע געשעהענעם פאקט און גיט איהם א העכערע ערקלע-רונג, — וואס איז עס פאר א מענש?

לאה טאנצט מיט די אריכע, פיהרט איהר שמועס פאר דער חופה מיט איהר אלטער ניאניע פראדע. פלוצלונג וואקסט-אויס ווי פון אונטער דער ערד „דער משולח" און הויבט-אן צו לערנען מיט די צוויי פרויען א פרק אין קבלה: „נשמות פון די גע-שטארבענע קעהרען זיך אום אויף דער וועלט, אבער נישט ווי רוחות אהן א גוף, פאר-האן נשמות, וואס געהען דורך עטליכע גופים" וכו' וכו' (ז' 41). — וואו איז דא דאס „פאלקס-לעבען"? וואו איז דא דער אמאליגער יודישער „בית"?

פאר דער חופה רעדט א בדחן, א מארשאלעק, זאגט גראמען, משלים, מוסר, — ווי

משות... קיינער רעדט נישט אונ'ם „דבוק" ווי, למשל, אין איבסענ'ס סימבאליסטי-שע דראמען, מיט עפעס א בעזונדער הימעל-שפראך אדער פויגעל-שפראך... אונ'ם „דבוק" זענען אלע געשעהענישען און אלע געשפרעכען, ביי זייער גאנצער מיסטיק און הייליקייט, איינפאך און דורכזיכטיג...

און אט דא זענען מיר געקומען צו דעם אמת'ן מהות פונ'ם ווערק, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען: „צווישען צוויי וועלטען" אדער „דער דבוק". דאס איז נישט קיין „דראמאטישע לעגענדע" (האטש לויט דער רגילות און לויט'ן אנגענומענעם כלל רוף איך עס אליין אויך אן „דראמע"), ווי עס איז אנגעצייכענט אויפ'ן שער און ווערט אפישירט אין די טעאטער-אנאנסען. דאס איז אויך נישט קיין רעאליסטיש-פאלקסטימליכע זאך, ווי איינינגע ווילען האבען, דאס איז אויך נישט קיין ריין-סימ-באליסטישע זאך, ווי עס ווילען האבען אנדערע, נאר א מיסטעריע. דערביי איז עס אבער נישט, ווי איינער האט זיך אויסגעדריקט, א „פאלקס-מיסטעריע", נאר א שטרענג-חסידישע מיסטעריע. מיט'ן פאלק און פאלקסטימלי-קייט האט דער „דבוק" צו טהון ריין צופעליג און ריין אויסערליך. לויט זיין אמת'ן מהות, בעהאנדעלט דער „דבוק" איינציגע הויכע פראבלעמען אין ריין-חסידישען גייסט און ריין-חסידישער מעטאדע.

מען מוז סוף כל סוף אויפהערען צונויפמישען חסידיזם מיט פאלקסטימליכקייט. די אלע ריידערייען וועגען דעמאקראטיזם און פאלקסטימליכקייט פון חסידות זענען נעגרינדעט אויף ריין אויסערליכע און ריין צופעליגע פערגלייכונגען. דער חסידיזם, ווי אלע אנדערע העכערע יודישע גייסטיגע שאפונגען, האט, נאטירליך, זיינע טיעפע שרשים אין פאלק. שרשים זענען אבער נישט דער גאנצער גרויסער הויך געוואקסענער בוים... העגעל, למשל, האט אלס עכט-דייטשער פי-לאזאף געהאט זעהר טיעפע שרשים אינ'ם דייטשען פאלק; דורכדעם ווערט אבער העגעל אין קיין אופן נישט „פאלקסטימליך".

די חסידישע השגות דארף מען דערלערנען פון די חסידישע ספרים און פון ספעציעל חסידישע אגדות און נישט פון אלגעמיינע פאלקס-אגדות.

עס איז נישט דא דאס ארט צו דערקלערען די יסודות פון דער חסידישער וועלט-אנשויאונג. איבריגענס, האב איך עס שוין לאנג געטהון אין פיעל אנדערע ארטיקלען מיינע. דא וויל איך נור אנווייזען אויף איין שטריך, וואס איז נוגע ספע-ציעל דער פארם פון אנ-סקי'ס מיסטעריע. נעמליך: דער חסידיזם געהט-אריבער די אונגעהויערע דיסטאנץ צווישען די פיעל און פערשיעדענסטע עולמות. דורך דער חסידות ווערען די העכסטע עולמות זעהר נאהנט צו אונזער עולם התחתון, און אונזער עולם התחתון — צו יענע הויכע עולמות. דער „מיטעלער רבי", דער זוהן פונ'ם רב מלאדי, פלעגט שטענדיג זאגען: „אלץ איז דא. אלע עולמות זענען דא. דער עולם האצילות איז אויך דא". דורכדעם ווערט דער איבערגאנג פון עולם צו עולם א שטענדיגער און א גאנץ געוועהנליכער. דער מענש לעבט גלייכצייטיג אין פערשיעדענע עולמות. אויב ער פיהרט א הויך, הייליג לעבען, האט ער א שטענדי-גען אינערליכען פערקעהר מיט די העכערע עולמות, אזוי ווי ער האט אויסערליך א פערקעהר אין אונזער זיכטבארען עולם. און נישט נור גראד דער „צדיק", דער מיסטישער איבער-מענש, נאר אפילו יעדער געוועהנליכער מענש, אויף וויפיעל ער האט אנ'אהנונג פון דער געטליכקייט, וואס איז מחיה די עולמות און ער לעבט שוין און ריין אין הארמאניע מיט זיין דעה-אלקים, לעבט ער גלייכצייטיג אין פערשיעדענע וועלטען: אין דער פיזישער וועלט, אין דער אינערליכער געפיהלס-וועלט, אין דער העכערער [illegible] וועלט, אין דער העכערער [illegible] וועלט וכו'

וויפיעל אונזערע פּשט׳ל-קעפּ זאָלען אַלזא דאָ נישט דרעהען מיט זייערע קאָפּ-שטיק און סאָפיזמען, בלייבט דאָך פאָרט קלאָר ווי דער טאָג, אַז נישט צו שילדערן אַ געוויסע סביבה איז דאָ דער דיכטער אויסען געווען, נאָר אַרויסצושטעלען דיכטעריש אַ געוויסע פּראָבלעם, צי פּראָבלעמען. ווען אַ זאַך הויבט זיך אָן מיט אַ געוויסען ריטמישען געזאַנג און ענדיגט זיך מיט יענעם געזאַנג, הייסט עס, אַז דאָס איז דער לייט-מאָטיוו פון דער גאַנצער זאַך. דער „דבוק" באַהאַנדעלט אַלזא צו ערשט דאָס פּראָבלעם פון „פאַלען" אָדער „אויפקומען", אָדער, ווי דאָס וואָלט בעסער אַרויסגעגעבען דורך די העברעאישע ווערטער — „ירידה" און „עליה". פון אנהויב: „ביי אַ פאַלקאַמער פינסטערנישׁ הערט זיך פון דערווייטען אַ שטילער, מיסטישער געזאַנג" און צו ענדע ווידער „שטאָק-פינסטערנישׁ, פון וואַנען עס הערט זיך שטיל: מחמת וואָס... מחמת וואָס"... — וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס אַלץ צו אַ „פאַלקס-שטיק" אָדער צו אַ „ביטאָוואָיאַ דראַמאַ"?...

הערען מיר זיך ווידער צו צום שמועס פון די בטלנים אין דעם ערשטען אַקט. וואָס הערען מיר דאָרט? ניט שמועסען וועגען מלחמות און וועגען טערק ווי ביי מענדעלי מוכר ספרים אין זיין „מסעות בנימין השלישי", נישט נאַטירליכע שמועסען פון הונגעריגע מענשען וועגען אכילה ווי ביי הירש פינסקי אין זיין „פאַמיליע צבי", אויך נישט סתם פּלאַפּלערייען און מוהתים-דערצעהלערייען, ווי ביי מ. ד. בראַנדשטעטער אין זיינע ערצעהלונגען פונ׳ם אַמאָליגען חסידישען לעבען, זאָגאַר נישט קיין תורה-שמועסען, וואָס עס וואָלט דאָך אודאי נאַטירליך געווען ביי בטלנים, וואָס זיצען און לערנען אין אַ בית-המדרש, נאָר עס פערבינדעט זיך גלייך פון אנהויב אַ שמועס וועגען דברים העומדים ברומו של עולם, וועגען ירידות און וועגען עליות און וועגען דעם גרויסען כח פון צדיקי האמת צו מעלה זיין ניצוצות און צו אויפהויבען געפאַלענע נשמות, אַלץ, וואָס ס׳האָט באמת אַ דירעקטע שייכות צום לייט-מאָטיוו: „מחמת וואָס... מחמת וואָס..."

גלייך אין אנהויב שמועס פאַלט אַרײַן אין די רייד פון די בטלנים — „דער משולח". וואָס איז עס פאַר אַ פיגור, ווען מען זאָל דעם „דבוק" פערשטעהן אַלס „פאַלקס-שטיק"? פון וואַנען קומט „דער משולח"? הער דאַרף איהם דאָ? וואָס וויל ער? צו-וואָס האָט איהם דער דיכטער בכלל בעשאַפען אין זיין דראַמע?

ריין-רעאַליסטיש גענומען, קאָן ער מעהר נישט זיין ווי אַ געשיקטער פון פּריצים, וואָס פאַהרט-אום פון שטעדטיל צו שטעדטיל און ווייס דערום אַלערליי מענגליכסטע נעשעהענישען און פּליאַטקעס פון די שטעדטליך, — צו וואָס-זשע דאַרף ער אָבער דאָן צו זיין, ווי אַנ-סקי האָט איהם געשילדערט, גראָד אַ חסיד און אַ מקובל? און צו וואָס מוז ער דוקא זיין אַנגעטרויט מיט אַלע העכערע סודות פון לעבען? און צו מוז ער, דוקא ער, זיין אין דער גאַנצער דראַמע דער שטענדיגער מאַהנער פון געהיימניספּ? רעכטפערטיגקייט?

רעאַליסטיש גענומען, האָט „דער משולח" געדאַרפט זיין נישט מעהר ווי אַ געוועהנליכער פּריקאַשטשיק, — וואָס פאַר אַ געשעפטען האָט ער עפּיס מיט׳ן פאַרזאַגען און בעשטימען אַלע העכערע גזירות?

ווען ער טרעט צו ערשט אַרויס פאַר די בטלנים מיט זיין שמועס וועגען ר׳ זוסיע אַניפּאָלער, בעקומט ער גלייך אַנ׳אָבשניט פון די בטלנים: „איהר, האָט קיין פאַראינטערעס נישט, ווייסט נישט וועגן וואָס מען רעדט און מען מישט זיך אַרײַן". באַלד דערפיהלען זיי אָבער, אַז דאָס איז נאָר אַנ׳אונגעוועהנליכער מענש, נאָך שפּעטער דערפיהלען זיי שוין, אַז פאַר זיי רעדט איינער, וואָס ווייס די העכערע סודות פון הימעל.

קומט אָבער עפּיס אַ זייטיגער משולח צו האַלטען פאַר דער חופּה פאַר דער כלה אַ דרשה פון ר׳ חיים וויטאַל׳ס „ספר הגלגולים"?...

אַזוי פיהרט זיך „דער משולח" אויף אין דער גאַנצער דראַמע. אַלע זיינע הנהגות און אַלע זיינע דבורים זענען משונה און ווילד, און טיילמאָל זאָגאַר משוגע, ווען מען זאָל איהם בעטראַכטען ריין-רעאַליסטיש, אַלס טיפּ פונ׳ם אַמאָליגען יודישען לעבען. האָט ווידער אַנ-סקי געוואָלט אונז מאָהלען אַ ווילדען, משוגע׳נעם מענשען, — וואָס פאַר אַ פונקציע ערפילט ער דאָ אין דער דראַמע?

נעהמען מיר ווידער דעם הויפּט-העלד פון דער דראַמע — חנן — וויל סוף כל סוף איז ער דאָך דער ווירקענדער טיפּ אין אַלע אַקטען, — איז ער אונז אויך אַבסאָלוט אונבעגרייפליך, ווען מען זאָל בעטראַכטען דעם „דבוק" בלויז אַלס פאַלקס-שטיק, דען עס איז ניט צו בעגרייפען דאָן צו וואָס מוז חנן זיין דוקא אַ מקובל, פּראָווען מקואות מיט תעניתים, עוסק זיין זיך אין „ספר רזיאל" און זינקען אין דער קליפּה? וואָס וואָלט דאָן געפעהלט דער „פאַלקס-זאַך" מיט איהר מוסר-השכל וועגען תקיעת-כף און וועגען געדערלמיגקייט, ווען חנן וואָלט געווען זיין אַ פּשוט׳ער חי וקים, וואָס זיין פאָטער האָט אָבגעמאַכט אַ תקיעת-כף מיט סנדר׳ן, און סנדר האָט דעם תקיעת-כף נישט געהאַלטען? די „פאַלקסטימליכקייט" וואָלט פון דעם נור געוואונען. צו וואָס-זשע האָט דאָ אַנ-סקי אַריינגעפיהרט דאָס פאַלען פון אַ גרויסער, הייליגער נשמה און איהר עליה און תיקון דורכ׳ן צדיק?

די, וואָס זעהען אינ׳ם „דבוק" אַ „פאַלקס-זאַך", לעגען אויך קיין אַכט נישט אויף דעם גאַנצען ספּור המעשה אינ׳ם „דבוק", וואָס איז גאָר נישט אינ׳ם גייסט פון די יודישע פאַלקס-ערצעהלונגען וועגען „דבוקים". עס זענען דאָ זעהר פיעל יודישע פאַלקס-ערצעהלונגען וועגען רוחות, וואָס געהען אַריין אין קערפּערס פון לעבעדיגע מענשען. אין יענע אַלע ערצעהלונגען זוכען אָבער די רוחות אַ תיקון צו זייערע זינד אָדער, געטריבענע און געיאָגטע פון מלאכי חבלה, געהען זיי אַריין אין לעבעדיגע קערפּערס פון מענשען, וואָס זיי, יענע מענשען, זענען בעגאַנגען חטאים.

די יודישע מעשה׳לעך בעשעפטיגען זיך מיט חטאים און תיקונים, אָבער נישט מיט אַ פרוי׳ען-ליעבע, וואָס געהט איבער נאָכ׳ן טויט... עס איז דאָ נור איין איינציגער ספּור, אין וועלכען עס איז דאָ עטוואָס ענליכעס אויף פרויען-ליעבע, וואָס ווערט גענומען מיט זיך אין קבר. דאָס איז דער ספּור וועגען „תנחום דעם מכשף". טראָגט אויף זיך יענער ספּור אָבער דורכאויס אַ נישט-יודישען שטעמפּעל, און איז בכלל אַנ׳אויסנאַהם צווישען אַלע יודישע אגדות וועגען רוחות. אַ פאַלקס-זאַך קאָן אָבער געבויט ווערען נור אויף אַ כלל און נישט אויף אַ יוצא מן הכלל.

דער גאַנצער צדיק ר׳ עזריאל איז אויך אַבסאָלוט אונבעגרייפליך, ווען מען זאָל איהם בעטראַכטען בלויז רעאַליסטיש-פאַלקסטימליך. פיעל זאַכען זענען דאָן אין זיינע תורות, התלהבות און הנהגות אַבסאָלוט איבעריג. זיי זענען נור אַנ׳איבעריגער באַלאַסט פאַר דער דראַמע און ווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון די צושויער אויף זאַכען, וואָס האָבען מיט דער הויפּט-אידעע און פּלאַן פון דער דראַמע גאָרנישט צו טהון.

דער „דבוק" קאָן אַלזא בשום אופן נישט בעטראַכט ווערען אַלס ריין-רעאַליסטישע, פאַלקסטימליכע זאַך. דאָס בעווייזט אָבער אויך נישט, ווי עס ווילען האָבען די צווייטע, האָטש די צווייטע זענען פיעל נעהנטער צום אמת, ווי די ערשטע, אַז דער „דבוק" איז אַ סימבאָליסטישע זאַך. פאַר סימבאָלען זענען די פיגורען פונ׳ם „דבוק" צו-פיעל בולט, די געשעהענישען — צו-פיעל אויסגעטײַטשט. אַלע

בהכלל מיט אט דעם קוק אויף דעם מענשען און די עולמות זענען די חסידישע מעשיות פון דעם ארט פול אויסערליכער רעאליטעט; דער תוכן פון זיי איז אבער, נאטירליך, א העכסט מיסטישער. נשמות קומען אראב פון יענעם עולם אויף דעם עולם אזוי ווי פונ׳ם אויבערשטען שטאק אינ׳ם אונטערשטען. דער צדיק געהט אויף אין עולמות עליונים און דערביי קאן ער זיך גאנץ רוהיג פערקעהרען מיט אלע זיינע ארומיגע און העלפען זיי מיט עצות און מעשים.

אין די חסידישע מעשיות פיהלט זיך דעריבער נישט יענע שרעק, וואס איז אין אמאליגע מעשיות פון די מקובלים. עס איז נישטא וואס צו שרעקען זיך פאר דעם, וואס לעבט אין אונז און רינגעלט אונז פון אלע זייטען ארום.

אין זיין פאררעדע צו די „חינעזישע ערצעהלונגען" ווייזט מארטין בובער אן אויף דער בעזונדערער נאטירליכקייט פון יענע ערצעהלונגען בנוגע צום איבערגאנג פון דער גייסטער־וועלט אין אונזער וועלט. די גייסטער געהען ארויין אלס בעשטימטע און איינפאכע רינגעלעך אין דער קייט פון יעדער ערצעהלונג. אין דער צייט, וואס דער אייראפעער דארף זעהר שטארק אנשטרענגען זיין פאנטאזיע, אום צו זעהן עפּוואס „איבערערדישעס" און ווען ער שילדערט עס, פיהלט זיך זיין ליידען און זיין אנגסט פאר דעם, וואס ער שילדערט, זעהט דער חינעזער די גייסטער כמעט ווי ער זעהט זיינע נאהנטע און בעקאנטע. אט דער איבערגאנג פון עולם צו עולם איז אבער אין די חסידישע ערצעהלונגען א לייכטערער, א פרייערער און א שענערער. אנ—סקי האט תופס געווען אויסגעצייכענט אט דעם מערקווירדיגען שטריך און ביי איהם האט ער זיך געהאלטען בעת זיין שאפען דעם „דבוק".

אינ׳ם ערשטען אקט פונ׳ם „דבוק" געפינען מיר אזא שטעלע:

„(לאה זעהר זיכער): באבינקע! אונז רינגלען ארום נישט בייזע רוחות, נאר נשמות פון מענשען, וואס זענען געשטארבען פאר דער צייט. אט זיי קוקען זיך עס צו און הערען זיך צו צו אלץ, וואס מיר טהוען און ריידען

פראדע: גאט איז מיט דיר, טאכטערל! וואס רעדסטו! נשמות. וועלכע נשמות? ריינע, כשר׳ע נשמות פליהען ארויף אויפ׳ן הימעל. רוהען אין ליכטיגען גן־עדן...

לאה: ניין, באבעניו! זיי זענען מיט אונז!"... (ז׳ 38—39).

צום צוועק פון דער מיסטעריע טייטשט עס דא אנ—סקי אוים אין דעם זין, וואס יונג־פערשטארבענע מענשען דערלעבען צווישען אונז זייערע אויסערליך נישט־דער־לעבטע יאהרען. אין אמת׳ן אבער געהט־ארום די פראזע: „זיי זענען מיט אונז" דעם גאנצען צוזאמענהאנג און פערקעהר „צווישען צוויי וועלטען"...

דעריבער איז דער „דבוק" אין איין און דערזעלבער צייט אי א שטיק רוהיגע עפּאס, דורכגענומען מיט דער הויכער דיכטערישער נאאיוויטעט, און אין דערזעלבער צייט אויך א פרוב ארויסצושטעלען און טיילווייז אויך צו לעזען איינגע זעהר טיפע פראבלעמען פון וועלט און לעבען.

V.

וואס פאר א פראבלעמען שטעלט ארויס דער „דבוק"?

ווען איך רעד וועגען די פראבלעמען פונ׳ם „דבוק", מיין איך נישט צו זאגען, אז אנ—סקי זעלבסט האט פאר זיך געשטעלט געוויסע פראבלעמען צו לעזען זיי אינ׳ם „דבוק": דער „דבוק" איז נישט קיין טענדענציעזע זאך, ממילא קאן דא קיין רייד נישט זיין וועגען פאראויס־בעשטימטע פראבלעמען. די פראבלעמען ווערען אבער

דעם קוויטעל, וואס מען דערלאנגט מיר, שטעכט מיר ווי א נאדעל אין לייב. איך האב שוין מעהר קיין כח נישט... איך קאן נישט..." ווי נור דער משרת זיינער דערמאהנט איהם אבער זכות אבות, אזוי ווערט ער גלייך צוריק דער גרויסער שליט איבער אלע עולמות, דער שליח פון יענעם גרויסען, וואס נור ער אליין איז דער „איך" פון דער וועלט. וואו זענען דא די טיפע איבערלעבונגען? און וואו זענען דא די פערשידענע פערוויקעלטע צווייפלען? און וואו איז דער נאטירליכער איבערגאנג פון קינדי־שער שוואכקייט צו לייבען־גבורה? מיר זעהען, אז דער צדיק ווערט דא פול ספקות, מיר זעהען אבער נישט פון וואנען יענע ספקות שטאמען...

דער אמת׳ער חסידישער „צדיק" איז נישט נור זעהר א שטארקע נאטור (האטש ער איז אין דערזעלבער צייט אויך שטיל און מילד, ווייך און צובראכען פון רחמנות), נאר אויך זעהר א קאמפּליצירטע נאטור. ווען ער האט שוין ספקות, ובפרט נאך ספקות אין זיך זעלבסט, זענען יענע ספקות זעהר שטארק פער־וויקעלט. דא, ביי ר׳ עזריאל׳ן, אבער קומען די ספקות — קיינער ווייסט נישט פון וואַנען און זיי געהען ווידער אוועק נור צוליעב דעם, וואס דער משרת דערמאהנט איהם זיין פאטער ר׳ איטשעלע און זיין זיידען ר׳ וועלוועלע...

פיעל שטארקער, ערנסטער און אויסגעהאלטענער איז ארויסגעשטעלט געווארען אינ׳ם „דבוק" דאס פראבלעם פון דער העכערער גערעכטיגקייט. ס׳איז דא א ריינע, הימלישע, און עס איז דא א געטליכע, מענשליכע, ערדישע, יורידישע גערעכטיגקייט און נשמה׳דיגע גערעכטיגקייט. אין דער גמרא בעגעגענט איהר פיעל מאל דעם אויסדרוק: „פטור מדיני אדם וחייב בדיני שמים" (ער איז פטור לויט מענשליכע דינים, לויט דעם דין פון בית־דין און איז דאך חייב לויט די הימעל־געזעצען). סנדר בריניצער, וואס האט אבגעגעבען זיין טאכטער פאר א נגיד׳ישען בחור א מיוחס און א וואויל־לערנער, פערגעסענדיג אן דעם, וואס ער האט אמאל געגעבען א תקיעת־כף ניסן בן רבקה, אז זייערע קינדער זאלען זיין חתן־כלה, האט „בדיני אדם" קיין עולה נישט געטהון, פערגעסען — איז פערגעסען, בפרט נאך ווי דער בית־דין־צדק פון ר׳ עזריאל׳ן האט ריכטיג מאטיווירט: „היות ווי עס איז נישט בעוואוסט, אויב ביים תקיעת כף צווישען ניסן בן רבקה און סנדר בן הענניע זענען זייערע ווייבער שוין גע־ווען פערנומען אין טראגען, און היות ווי לויט אונזער הייליגער תורה האט נישט קיין ממשות אנ׳אבמאך וועגען א זאך, וואס איז נאך נישט בעשאפען געווארען, קאנען מיר נישט בעשטימען, אז סנדר איז מחויב געווען מקיים זיין דעם תקיעת־כף" (ז׳ 73). „בדיני שמים" איז אבער אנדערש. דארט זאגט מען: א ווארט איז א ווארט. פער־פאלען. האסטו נאך דערצו א תקיעת כף געגעבען, האסטו עס בשום אופן נישט גע־טארט פערגעסען...

ס׳איז דא א פוילישע ווערטעל: „סלאָווא — וויאָטער". האט עס דער בעש״ט (געבראכט אין די אלטע „שבחי בעש״ט") גאנץ אנדערש איבערגעזעצט: „א ווארט איז — א רוחניות" קיין ווארט געהט נישט פערלוירען אין דעם חלל העולם, נאר יעדעס ווארט מאכט א רושם, סיי צום גוטען, סיי צום בייזען, אין אלע עולמות און לדור דורות. ווערט נאך דאס ווארט בעפעסטיגט דורך א מעשה (ווי איז דעם פאל — דורך א תקיעת־כף) — לאזט עס איבער נאך א פיעל שטארקערן רושם אין אלע עולמות. דאס ווארט פארערט, דאס ווארט מאהנט, דאס ווארט פאדערט פערווירקליכונג. דאס פערשוועכטע ווארט הענגט ווי א פאטום איבער דעם שוועכער. דער תקיעת־כף, וואס איז געגעבען געווארען פון סנדר׳ן און איז דורך איהם פערגעסען געווארען, איז פערוואנדעלט געווארען אין א גזירה רעה אויפ׳ן גאנצען ... גארנישט שולדיג. „קינדער, זאגט אבער ר׳

אויב זיי זענען נישט ארויסגעשטעלט געווארען בכוונה, קומען זיי אבער ארויס שלא בכוונה, מען קאן עס אפשר אזוי פאָרמולירן: אויב זיי, די פּראָבלעמען, זענען נישט קיין פּראָדוקט פונ'ם דיכטער'ס בעוואוסטזיין — זענען זיי אבער א פּראָדוקט פון זיין אונטער-בעוואוסטזיין, אדער, אפשר נאך ריכטיגער, פון זיין טראַנסצענדענטען בעוואוסטזיין.

איינגעטיילט, ווערען פיעל און פערשיעדענע פּראָבלעמען בערירט אינ'ם „דבוק". איך וויל אבער דא נישט בערירען יענע פּראָבלעמען, וואס ווערען דא בעהאנדעלט, אזוי צו זאגען, מן הצד אדער אגב אורחא, נאר אזעלכע פּראָבלעמען, וועלכע זענען שארף און בולט אנגעצייכענט געוואָרען.

אזעלכע פּראָבלעמען זענען דא אינ'ם „דבוק", לויט מיין אנאליז, פיער: 1) דאס הויפּט-פּראָבלעם, דאס פּראָבלעם פון „פאלען" און „אויפקומען" פון דער נשמה, אדער, ווי עס ווערט בעסער אויסגעדריקט דורך די העברעאישע ווערטער: „ירידה" און „עליה"; 2) דאס פּראָבלעם פונ'ם „צדיק". פונ'ם רעליגיעזען איבער-מענשען, זיין קדושה, זיין גבורה, זיין גלויבען אין-זיך, זיין צווייפלען אין-זיך; 3) דאס פּראָבלעם פון העכערער גערעכטיגקייט;4) דאס פּראָבלעם פון דער וויטערדיגער עקזיסטענץ פון נייסט נאכ'ן אראבווארפען פון זיך די מאטעריע און זיין צוגעבונדענקייט צו דער מאטעריע, כל זמן ער איז נאך נישט בעפרייט אינגאנצען פון זיינע ערד-צוגעבונדענקייטען און ערד-השגות.

פריהער ווילען מיר דא בעטראכטען די וויטערדיגע פּראָבלעמען, פּראָבלעמען פון צווייטען ראַנג, און נאכהער ווילען מיר צוקומען צום הויפּט-פּראָבלעם.

אינ'ם „צדיק" פונ'ם „דבוק" ווערט טיילווייז ארויסגעשטעלט דאסזעלבע פּראָבלעם, וואס אין פּרצ'ס „חורבן בית-צדיק". דער „צדיק" פילט זעהר גוט; דאס אונגלויבען אין-זיך זעלבסט האלט אבער אונטער זיינע פליגלען. ער שטארקט זיך און פילט וויטער אין דער הויך; די ספקות ציהען איהם אבער ווידער אראב, ווי שווערע שטיינער, צו דער ערד. דאס פּראָבלעם איז ביי פּרצ'ן ארויסגעשטעלט געווארען מיט דער גאנצער שארפקייט און טיעפקייט, ביי אנ—סקי'ן אבער — גאנץ אויבערפלעכליך און פארביינגעהענדיג. קענטיג. אז ער האט זיך לאנג נישט געוואלט אבשטעלען אויף די אינגערליכע איבערלעבונגען פונ'ם „צדיק".

אט ווערט דער צדיק, ר' עזריאל מיראפאלער. אינגאנצען שוואך און נישטיג. ווען מיכאל, זיין משרת, זאגט צו איהם: „רבי, צו איך פאהרט די גאנצע וועלט".— ענטפערט ער: „א גאנצע וועלט... א בלינדע וועלט... בלינדע שאף געהען נאך א בלינדען פאסטוך... ווען זיי וואלטען נישט זיין בלינד, וואלטען זיי נישט געהן צו מיר, נאר צו יענעם, וועלכער קאן זאגען „איך". צום איינציגען „איך" פון דער וועלט". ווען מיכאל זאגט איהם ווידער: „רבי, איהר זענט זיין שליח",— ענטפערט ער: „דאס זאגט די וועלט, און איך ווייס נישט... שוין פערציג יאהר, ווי איך זיץ אויף דעם שטוהל פון א רבי'ן און איך בין עד היום נישט זיכער, אז איך בין באמת גאט ברוך הוא'ס א שליח... פארהאן צייטען, אז איך פיהל מיין נאהנטקייט צום כביכול, דעמאלט זענען ביי מיר נישטא קיין ספקות, דעמאלט האב איך און נוך תקיפות און איך האב א שליטה איבער די הויכע עולמות, אבער עס טרעפען צייטען, אז איך פערליער מיין זיכערקייט און דעמאלט בין איך קליין און שוואך, ווי א קינד. דעמאלט נויטיג איך זיך אליין אין תילה"... דאן דערמאהנען זיי בזיווע, דער רבי מיט'ן משרת, אויין נאכט, ווען דער רבי איז געקומען צום משרה און האט מיט איהם א גאנצע נאכט געזאגט תהלים און געוויינט... דער רבי ווערט נאכמעהר ענטמוטהיגט און קלאגט זיך: „וואס

עזריאל, ווערען אמאל געשטראפט פאר די זינד פון די עלטערן" (ז' 56). איינגעטייל, איז דאס אבער אויך נישט קיין „שטראף", נישט קיין נקמה-אקט, נאר אנ'אויסערגע וויטוועגדיגקייט. אזוי ווי די מאטעריעלע וועלט האט איהרע געזעצען, אזוי האט אויך די גייסטיגע וועלט איהרע בעזונדערע געזעצען, וועלכע עס איז נישט אריבערצוגעהן, סיידען דורך א העכערער, גרעסערער „שפע", דורך א בעזונדער ווירקונג פונ'ם „צדיק האמת", וואס ער איז בבחינת גואל, משה-משיח, יענער צדיק, וואס האט דעם כח צו מבטל זיין א גזירה („הקדוש ברוך הוא גוזר וצדיק מבטל"), אדער דורך א בעזונדער „חסד" פון אלערבעסטען.

אט דאס פּראָבלעם פון העכערער גערעכטיגקייט ווערט דורכגעפיהרט פון אנ—סקי'ן אין דער גאנצער מיסטעריע זיינער, אין דעם אנקומען פונ'ם בחור חנן, ניסנ'ס זוהן, אין סנדר'ס הויז; אין דער בעזונדער שטארקער ליעבע פון חננ'ען צו סנדר'ס טאכטער לאה, וועלכע טראגט אין דער גאנצער מיסטעריע א פּאטאלען כאראקטער; אין דער שטילער, טיעפער, ריין-הייליגער ליעבע פון לאה צו חננ'ען (שוין אין דעם ערשטען אקט זאגט לאה צו איהר חבר'טע ווענען חננ'ען: „איך וואלט וועלען וויסען, פארוואס ער איז אזוי בלייך און טרויעריג. ער האט געמוזט קראנק זיין..." ארויסגעהענדיג, טרעפט זי זיך אן מיט איהם און האטש זייער שמועס בעשטעהט אינגאנצען פון א פּאר ווערטער, טראגט ער אויף זיך דעם שטעמפּעל פון צוגעבונדענקייט אויף אייביג. פאר דער חופה מוז זי דוקא געהן אויף חננ'ס קבר און פערבעטען איהם אויף דער חתונה...), האטש אלס צניעות'דיגע יודישע טאכטער קאן זי זיך נישט אנטקעגענשטעלען דעם ווילען פון איהר פאטער. דאן — דער עצם אק'ן פון דער גייסטיגער פעראייניגונג (ווען עס געהט אין לאה אריין דער דבוק). וויטער — דער „משולח", וועלכער איז אין דער גאנצער מיסטעריע, פון אנהויב ביז'ן סוף, דער תובע מצד דער העכערער גערעכטיגקייט, דער טוען, וואס איז געשיקט געווארען פון דער פמליא של מעלה, צו מאהנען דעם דין שמים, און וועלכער פיהרט א שטילען, טיעף-פערבארגענעם קאמף מיט'ן צדיק ר' עזריאל, וואס וויל מיט דעם כח פון זיין צדקות דורכאויס מבטל מאכען די גזירה פון די הילכות. ר' שמשון, דער מרא דאתרא פונ'ם שטעדטיל, צו וועמען ניסן בן רבקה קומט צו-חלום און וועלכער ווערט דערנאך א טוען מצד המת (ז' 71), איז אויך די פערקערפּערונג פון דער העכערער גערעכטיגקייט, האטש נישט אין אזא עקסטער פאָרם, ווי דער „משולח"...

אט דאס פּראָבלעם פון העכערער גערעכטיגקייט האט זיך אנ—סקי'ן פיעל בעסער איינגעגעבען, ווי דאס פּראָבלעם פונ'ם צדיק אלס רעליגיעזער איבער-מענש. זעהר אריגינעל, איידעל-שיין, טיעף און פון אלע זייטען ריכטיג איז ארויסגעשטעלט געווארען אינ'ם „דבוק" דאס פּראָבלעם פונ'ם גייסט, וועלכער בלייבט נאך א לאנגע צייט נאך דעם פיזישען טויט צוגעבונדען און אנגעקלעבט אן זיינע ערדישע פערלאנגען און סימפּאטיעס. דער איבערגאנג פון וועלט צו וועלט, ווי אויך דער פערקעהרטער „צווישען צוויי וועלטען" (ווי איך האב עס שוין ברייט ערקלערט אינ'ם פריהערדיגען פּרק) זענען אינ'ם „דבוק" פארטרעפליך געצייכענט.

קומען מיר אבער צו צום הויפּט-פּראָבלעם פונ'ם „דבוק", צום פּראָבלעם פון „ירידה" און „עליה" פון דער נשמה, זעהען מיר, אז דער דיכטער איז געבליבען שטעהן אהנמעכטיג פאר דער ריזיגקייט פון אט דעם פּראָבלעם. מיר לעבען-דורך צוזאמען מיט'ן דיכטער די גאנצע מיסטעריע און מיר בלייבען ביים סוף ענטטוישט

זונג'ען זײַן מיטפע „ירידה“; מיר האבען מיט איהם צוזאמען געהאפט אויף „תיקון“; מיר האבען געזעהן דאס געוואלדיגע געראנגלעניש פון'ם „צדיק“ צו מתקן זײַן חנן'ס נשמה; דער דיכטער הײסט זינגען פון אנהויב און צום סוף: „דאס פאלען מראגט דאס אויפקומען אין זיך“— דאס „פאלען“ האבען מיר אויסגעצײכענט געזעהן, דאס „אויפקומען“ זעהען מיר אבער נישט...

דער „משולח“, וועלכער איז אין דער מיסטעריע די פערקערפערונג אי פון'ם „עד“, אי פון'ם „דיין“, זאגט אין סוף פון'ם ערשטען אקט: „ער איז ניזוס געווארען“... ענדיגען ענדיגט ער אבער נור מיט: „ברוך דיין האמת“... די העכערע גערעכטיגקײט האט מאקע דאס איהריגע געמהון— וואו איז אבער דער תיקון פון חנן'ס נשמה? די העכערע גזירה איז מאקע דערפילט געווארען; דער מענש איז אבער געבליבען נעפאלען, ווי געוועזן...

דער אמת'ער תיקון פון א נשמה בעשטעהט, לויט דער חסידישער אויפפאסונג,— און דער דיכטער האלט זיך דאך אין דער גאנצער מיסטעריע בײַ אט דער אויפפאסונג — אין דעם, וואס זי, די נשמה, ווערט בעפרײַט פון אלע איהרע ערדישע פארשטעלונגען און צונעבינדענקײַטען, דערקענט, אז אט די אלע פארשטעלונגען און צו-נעבינדענקײַטען זענען נישט מעהר ווי אילוזיעס. וואס האבען נאך א וואסער-נומען און בעדײַטונג פאר'ן חומר, אבער נישט פאר'ן גײַסט אלס אזעלכען, און בעקומט דורך אט דער ערקענטעניש פליגלען צו פליהען אין דער הויך און א שליסעל צו די היכלות העליונים. בעת דער גײַסט געפינט זיך נאך אין חומר, בעשטעהט זײַן הויפט-ערציהונג, לויט דער חסידישער וועלט-אויפפאסונג, אין דעם, צו זעהן דעם גאנצען „יש“ אלס „אין“, צו זעהן דאס גאנצע אויסערליך-עקזיסטירענדע אלס „אחיזת עינים“, א פערשטעלעניש און א בעהעלטעניש פון דעם אין-סוף, וועלכער איז דער אײַן-און-אײנציגער, באמת עקזיסטירענדער און חוץ איהם האט קײן זאך קײן אמת'ע עקזיסטענץ נישט. ווען דער גײַסט ווארפט-אראב פון זיך דעם חומר, בעשטעהט זײַן אמת'ער תיקון און עליה נור אין זײַן פולער און גאנצער בעפרײַאונג פון דער ערד-אילוזיע.

די עובדה פון'ם „צדיק“ בעשטעהט, לויט דער לעהרע פון די חסידים בנוגע צום תיקון פון א צווײַטען, דערין, וואס ער בעהעפט זיך מיט יענעם צווײַטען נפש בנפש, רוח ברוח און נשמה בנשמה, הויבט איהם דערמיט אויף פון'ם ערד-שטויב און איז איהם מכשיר דערמיט פאר זײַנע װײַטערדיגע שטײַגונגען און נעמליכע השגות. אונ'ם „דבוק“ בלײַבט אבער חנן אײגענטליך אהן א תיקון. ער בלײַבט צונעבונדען און צו-געוואקסען צו זײַן ערדישער ליעבע, ווי געוועזן. ער נעהמט, אמת, ארויס פון לאה'ס קערפער, נעצוואונגען צו דעם דורך די חמימות פון'ם „צדיק“. ער בלײַבט אבער נע-בען איהר און האט נאך צו איהר אַן'ערדישע צוגעבינדענקײַט.

בכלל בלײַבט עטוואס דורכאויס אונבעשטימטעס אין דעם סוף פון'ם גאנצען לעצטען אקט. מיר האבען זעהר פיעל ערווארט און לסוף ווײַסען מיר אײגענטליך נישט, מיט וואס האט זיך עס אלץ געענדיגט.

דער ענין פון דער נשמה-ירידה און נשמה-עליה איז צו-געוואלדיג, אום צו פער-קערפערן איהם אין געשטאלטען פאר'ן צושויער. לאמיר זיך בעגנוגענען מיט אלין איבעריגע, מיטפע ענינים, וואס זענען בערוהרט געווארען אונ'ם „דבוק“ אין איין שען און הארציגען בעהאנדעלט געווארען.

אינהאלט!

10 יאהר „מאמענט“ . . . . ד"ר מ. סורין.
ערצעהלונגען . . . . דוד בערגעלסאן.
געמישטע ליעדער . . . . אברהם רײזין.
אומעטען . . . . אהרן צײטלין.
א שכן . . . . יונה ראזענפעלד.
די שכינה אין גלות . . . . בערטאלדי.
די פוקסען-לעגענדע . . . . יואל מאסטבוים.
פרעש . . . . דוד בערגעלסאן.
דער לעבענס-וועג פון ש. אנ—סקי . . . . הלל צײטלין.
אין ים'ס רשות . . . . אהרן צײטלין.
קום, געליעבטער! . . . . ה. ד. נאמבערג.
ליעדער . . . . דוד האפשטײן.
ליעדער . . . . ליב קוויטקא.
די מלחמה געגען הפקרות אין אמאליגען װארשא . . . ע. נ. פרענק.
יודישע נערהען און יודישע דעגענעראציע . . . . ד"ר ז. ביחאווסקי.
די וויסענשאפט און די טעכניק אין דער וועלט-מלחמה . . . ד"ר א. פארשער.
די יודישע פאראדיע . . . . יוסף טונקעל.
דער אנטיסעמיטיזם אלס סאציאל-פסיכאלאגישע ערשײַנונג . . ד"ר א. גליקסמאן.
צו דער געשיכטע פון „דבוק“ . . . . ש. ל. ציטראן.
עפיזאדען . . . . ב. יאושזאהן.
אין א קברים-שטיבעל . . . . מ. מ. דאליצקי.
די ראליע פון דער יודישער פרוי אין מאדערנעם
יודיש-געזעלשאפטליכען לעבען . . . . צבי פרילוצקי.
צו דער געשיכטע פון די יודישע דרוקערייען אין פוילען . . . פראפ. מאיר באלאבאן
פון דער געשיכטע פון טעאטער-קונסט בײַ יודען . . . . ד"ר י. שיפער.
א קינד . . . . ה. ל. זשיטניצקי.
צום אויפבוי פון א נאציאנאלער הײם פאר יודען אין א"י . . . י. טריוואקס.
ביבליאגראפיע:
1) מאטעריאלען צו דער יודען-פראגע אין פוילען . . . . חיים בן נתן.
2) גראמאטיק פון דער יודישער שפראך . . . . . . נח פרילוצקי.
דאס לעגענדע-לאנד . . . . ש. טשערנאוויטש.

בילדער פון די מיטארבײַטער פון „מאמענט“ אין משך פון זײַן 10-יעהריגער עקזיסטענץ, ווי אויך פון די בעטײַליגטע אין אלמאנאך.

Subject: Re: query
To: David Roskies <daroskies@JTSA.EDU>

Dear David,
I would be so thankful! My home address is 82 rue de crimee, 75019, Paris. In the meantime I would very appreciate (if it isn't too much to ask) to fax me the first page? my fax is also my phone number 00 33 1 42 02 93 25
And best wishes for a happy and sweet year, all best, SAG

Le dimanche, 25 sep 2005, à 17:44 Europe/Paris, David Roskies a écrit :

> Dear Sylvie:
>
> I would be happy to send you a xeroxed copy. Just e-mail me your address.
>
> David
>
> At 11:03 PM 9/24/2005 +0200, you wrote:
>
> Dear David,
> I hope that you remember me and that this mail will find you and your whole family well. I am writing to ask you about a reference you put in your footnotes in your " S. Ansky and the paradigm of return". You mention, on p. 245, n 2 an article written by Hillel Zeitlin in *Almanakh tsum 10-Yerikn yubileum fun "Moment"*, Warsaw 1921. When I was in Jerusalem, years ago, I looked for it and never found it; now, in Paris I looked also in the 2 yiddish libraries and asked also, and it seems that nobody has seen or heard about it, even not in the on lines catalogs available. So far, this is the reason why I am asking you: did you see it? Have you read it? Do you remember some of its points? Is there a possibility that this reference would not be correct? I thought that it could be also an issue of "Der Moment"? I am sorry for disturbing you with this enquiry, but I am working on an article on Ansky and I am eager to find out what could have happened with this reference. With my warmest regards, shavua tov, SAG
>
> </blockquote></x-html>